דער נסתר

# געזאַנג און געבעט

קונסט=פערלאג
קיעוו

# אין יענער נאכט.

... און ס'איז געווען,
ווען גאָט זיין צאָרן
אויף אונזער הויז
האָט אויסגעגאָסען,
האָבען מיר זיך —
לעצטע קינדער
פון דער אַלטער
קרוין פון יחוס,
פון דער זרע
פון כּהנים,
אָפּגעשיידט
פון אונזער חורבן,
אויסגעטון
פון שטוב
און אייגענס,
און פון טרויער
פון זיי אַלע,
בּלאַס און בּלאַסער
נאָר פון אַלע, —
שטיל און שווייגענדיג
און שטומע,
נאָר מיט אויגען,
נאַכט אין אויגען,
נאָר מיט אויגען,
ניט פון דאַנען,
און מיט שלייפען
בּלאַסע, גרויסע, —

מיר פערלאָזט דאַן
טאַטע־מאַמע
אויף די קישענס,
וואו געזעסען
זיינען טאָג און נאַכט
אין טרויער
אויף דער ערד
מיט קעפּ פערלאָזטע
אין דער שטוב
מיט ווענט, מיט הוילע —

און פון קעלערס,
וואָס בּירושה,
וואָס שוין לאַנג
געבּויט פון יאָהרען
הינטען, הינטען
אונטער מויער,
און נאָך איינציגע
זיי וויסען —

פון די קעלערס,
וואָס געשלאָסען
שטעהען לאַנג
פון דורי דורות,
מיר געפונען
האָבּען שליסעל,
און בּיינאַכט
און שטיל, ווי שאָטענס,

דער נסתר.

שטילערהייד
און נישט בעמערקטע,
מיר מיט לייכטער
דורך די הויפֿן
אין דער פֿינסטער
דורכגעאײַלט זיך,
דורכגעגאַנגען,
אין דער שטיל דאָרט
האָבן שלעסער
מיר געעפֿנט,
זיך אַראָפּגעלאָזט
אַהינצו,
יעדער איינער
מיט זײַן לייכטער,
שטילערהייד
צו זיך אין הייל זיך
אונטער דר׳ערד
אַוועקגעגאַנגען...
און געגאַנגען
דאַן אַזוי זיך
זײַנען מיר
אין היילן דאַמאָלס,
אין פֿערבאָרגענע,
אין קרומע,
אין פֿערשימעלטע
אין חושך, —
איינער, איינער,
ווי געוואוסט האָט,
יעדער איינער,
ווי געדענקט האָט
קעלער־וועגן
בקבלה.
יענע נאַכט,
די נאַכט אינגאַנצען,
ביז לסוף
אַרויסגעקומען
פֿון פֿערשיידענע
מיר זײַטן,
פֿון פֿערשטעלטע
ווענט און טירען,
מיר מיט קעפּ
און אײַנגעבויגען
און מיט קערפּער
זיך בעוויזען
אין איין אָרט אַרײַן
אַזוינעם,
אין אַ גרויסער שטוב
פֿון היילען
אַלע קינדער אונז
און שטילע
און מיט אויסזעהן דאַן
נאָך שטילער
און מיט לייכטער
אין די הענט...

— שטעהן געבליבן
איז אין מיטען,
אין דער קעלער־שטוב,
דאַן איינער
בלאַס, בעלויכטען



און בעשײַנט דאָרט
צווישען הענט
און ליכט
און לייכטער,
דאַן אַ יונגער מאַן
פֿון יענע,
פֿון משפחה
אויסגענומען,
פֿון די יונגע,
דער געהעכטסטער
פֿון אונז אַלע,
און געהאַלטען
שטענדיג־אָפּגעשייד
בכבוד
אויך בײַ אַלטע
שטילער חשוב, —

שטעהן געבליבן
איז אַזוינער
מיט צוויי אויגען
אונז גאָר פֿרעמדע,
ווי פֿערטומעלטע,
פֿערזעהען,
בלאַסע, גרויסע
און פֿערגאַנגען
און דערשראָקענע
פֿערטראַכטע
ווײַט פֿון אונז דאַן
און פֿון דאַנען
און פֿון ראָד אַרום,
וואָס וואַרטען
אין דער שטיל
פֿון זיי, פֿון אויגען
פֿון די זײַנע
ווי אַ תשובה, —

לאַנג געקוקט האָט,
נישט געזעהען,
גלײַך געשטאַנען
איז אַזוי זיך,
ווײַט פֿון אונז
און פֿון די בליקען,
ווי אַ ווײַטער
און פֿערגאַנגען
אין מחשבה
איז אין זײַנער
ראָד און ראָד אַרום
פֿערגעסען,
ביז לסוף
צוריקגעקומען
איז מיט בליק
צו אונז אין רעדעל
און מיט אויגען
אונז בעטראַכטען
האָט גענומען,
אָנגעקומען,
ווי אַ נײַער
און פֿון ווײַטען,
און מיט קול
מיט נײַס און אַנדערס

און מיט שטימע
אַ געבראַכטער,
אָנגעהויבן
און געזאָגט: —

—אין די טויערן פון רוים
זיצט אַ בלינדער
איצט אין נאַכט
און ער טראַכט: —
„אַלטער רוים
„פון זיבן בערג,
„קברים=פּלאַץ
„פון אַלטער צײַט
„און פון שאָטענס,
„וואָס געווען; —
„טרפה=בלוטען
„דאָ געקאָכט
„און געשיכטע
„דאָ געמאַכט,
„איצט דער בלינדער,
„נאָר ער וואַכט
„אין דער נאַכט,
„אין דער נאַכט,
„און דער טיבער רינט,
„און דער טיבער רינט...

„פאָלק פון פעלקער
„שוין נישטאָ:
„פון נצחונות — אַש,
„פאַר געשיכטע — שטויב,

„אין די סקלעפּעס—שפּײַז
„פאַר די מײַז;
„נאָר דער בלינדער וואַכט
„אין דער נאַכט,
„אין דער נאַכט,
„און דער טיבער געהט,
„און דער טיבער געהט...

„און דער טויער
„איז שוין אַלט,
„און דער פּלאַץ
„איז וויסט,
„און קיין שטיין אויף שטיין
„פון דער אַלטער צײַט...
„און איך הער:
„שאָטענס אומגעהן
„הין און הער,
„אַלטע קריגס=לײַט
„מיט געווער,
„רוים=גבורים,
„טריאומווירען
„צווישען זיך
„געשפּרעכען פירען:
„—צו דער צײַט,
„צו אַלטער צײַט,
„צום אַלטען רוים
„פון זיבן בערג
„אויף די וועגען
„לאָ'מיר פרעגען
„בײַ דעם בלינדען,



„וואָס ער וואַכט
„אין דער נאַכט,
„אין דער נאַכט,
„און בײַם טיבער,
„וואָס ער געהט,
„און בײַם טיבער,
„וואָס ער געהט...
„און אויף אַלטען רוים,
„וואָס וויסט,
„און אויף טויער=שטאָדט
„צעשטערט,
„פאַר די חורבות,
„וואָס פאַר מיר,
„זיך און הער:
„פעלקער=שאָטענס
„הין און הער
„אויף אַלטען וועג
„און ציהען, ציהען...
„פלעדער=מײַז
„אויף קברים פליהען...
„און נאַכט געווען,
„און נאַכט וועט זײַן
„אַלײן די צײַט;
„וואָס שפּינט, פערשפּינט
„אויג פון בלינדען,
„וואָס ער וואַכט
„אין דער נאַכט,
„אין דער נאַכט,
„און דער טיבער,
„וואָס ער רינט,

„און דער טיבער,
„וואָס ער רינט...

און בײַ אונזער שטאָדט,
בײַ צפת,
דאָרט, וואו פיקסען
געהען אום
שטיל בײַנאַכט,
אום בײַנאַכט,
בלאָנדזען אום
און אײַנציגווײַז,
און די חורבה=הינט
מיט ציין,
שטערען=ציין,
ווײַסע=ווײַס,
און די העלזער
דרעהען=אויס
אין דער קרום,
אין דער זײַט,
וואויען הויך
און וואויען ווײַט
אונטער שטערען,
הינטער בערג; —

אין אַנ'אַלטער
חורבה=הײל
מיט אַ לעמפּעל
אין דער מיט,
אין אַ ראָד,
אַ ראָד אַרום,

זיצען יונגע
דאָרטען לײַט
אײנס בײַ צווײטען,
אײנס בײַ אײנס,
יונגע לײַט
פון מזרח־ווײַט,
פון יהודה
און ערב
און פון תימן,
ווײַטען לאַנד,
יונגע נאָך
מיט שוואַרצע בערד
און מיט אויגען
מזרח־שוואַרץ,
אײַנגעהילט
און שטיל און שטיל
און פערטראַכט
און אײַנגעהילט,
ראָד אויף דר׳ערד
און ראָד אַרום
הערען אײַן זיך,
הערען אײַן
פון אַ נזיר,
אָפּגעשײדט
יאָהרען־לאַנג
פון וועלט געווען
און פון מענשען,
און אַלײן
ווײַט אין מדבר
האָט געוואוינט

און בײַ שטערען
און בײַנאַכט
נאָר מיט זיך
אַלײן געלעבט,
ער דערצעהלט:

—„אַ שטיק צײַט שוין,
„אַז מען זעהט,
„זאָגען פּאַסטוכער
„פון לאַנד,
„וואָס זײ פּאַשען
„אויף די בערג
„און זײ נעכטיגען
„מיט פיה
„אונטער הימעל־הויך, —
„אַ שטיק צײַט שוין,
„אַז מען זעהט,
„הויך אין הימעל
„עפּיס געהט,
„ווי אַ שטערן
„אום בײַנאַכט,
„הין, צוריק
„און לויפט און לויפט,
„העל און ליכטיג
„און געשווינד,
„הויבט זיך אויף
„אַמאָל, פערשווינדט
„הויך און העכער
„און נישט בלײַבט,
„פּלוצים ווײַזט ער זיך



cited by Sadan (52) as genesis of Christ-motif

„אין לופט,
„און, עס דאַכט זיך,
„אַז ער רופט
„ערגיץ, ערגיץ
„און ער לויפט,
„קערט זיך אום
„און זוכט און זוכט,
„און ער גרײַזט...
„ווײַטער, ווײַטער —
„און ער ווײַזט...
„שטענדיג שטעלט זיך
„אויף אײן אָרט,
„שטענדיג שטעלט זיך
„אויף אײן באַרג...

„מען דערצעהלט:
„פיעל און פיעל
„קאַראַוואַנען
„האָט פערנאַרט
„הין, אַהין,
„צו יענעם אָרט...
„געהט מען צו,
„דערזעהט מען דאָרט: —

—„מײַל אויף מײַל
„אַ פײַערבאַרג,
„פײַער־פלאַם
„אין מדבר־ווײַט,
„הויכער באַרג
„און ראָד אַרום...

„הינטען, הינטען,
„נאָר צו פיס,
„ווײַס און ווײַס
„און אָנגעטון,
„אײנס נאָך אײנס
„אַ מענשען־ראָד,
„טריט נאָך טריט
„און אויגען־אויף,
„אויף, אויף פלאַם
„און דרעהען זיך
„אויג אויף בערג
„און זינגען דאָרט: —

— „אין דער מדבר־ווײַט,
„אין דער מדבר איצט
„שטעהסט שוין שטערן
„אונז אויף קאָפּ,
„אויף דעם פלאַם,
„אויף דעם באַרג,
„אויף דעם ווײַטען
„מדבר־באַרג...
„און מיר זעהען
„שוין פון ווײַט
„דאָרטען געהן —

„און פון מזרח,
„און פון ים,
„און פון הימעל
„דאָרט אין עק,
„און פון מדבר

cf. Matthew 2:1-10

„און פֿון װײַט
„די חכמים
„פֿון דער װעלט,
„פֿון אתונא
„פֿון דער שטאָדט,
„און פֿון הדו,
„װײַטען לאַנד,
„שטערען=זעהערס,
„אַלטע לײַט,
„און שליחים
„װעג=פֿערשטױבט
„זײ אין װעג
„פֿון לאַנג, פֿון לאַנג
„איבער מדבר,
„װײַטען גאַנג
„און געשיקט
„אַהער, אַהער
„פֿון מלכים
„און פֿון קרױן
„און פֿון אײַנװאױנער
„פֿון שטעדט,
„פֿון די גרױסע
„קעניגרײַך,
„פֿרעגען, פֿרעגען,
„װאָס בעטײַט
„יענער שטערען
„פֿון בײַנאַכט,
„װאָס מען זעהט איהם
„אַלע נאַכט
„פֿון אַ לאַנגער צײַט
„שױן לאַנג — — —

„קומט אַהער,
„אױ, קומט אַהער,
„איהר שליחים
„פֿון דער װײַט,
„צו דער ראָד,
„צו אונז אין ראָד
„אונטער פֿײַער:
„גרױסען באַרג...

„קומט אַרײַן,
„שטעלט זיך אײַן,
„לאָ'מיר לאָזען
„זיך אַװעק,
„לאָמיר לאָזען
„זיך אַצינד —
„אָט אַזױ,
„אָט אַזױ: —

—„װאױל איז אונז
„און אונז איז װאױל,
„אונזער חלק
„איז געבענשט,
„װאָס דערלעבט,
„מיר דערלעבט
„האָבען שטערען
„מיר צו זעהן,

Christ motif



„האָבען שטערען
„אונז אױף קאָפּ
„נײַעם שטערן
„שױן אין נאַכט"...

אױסגעלאָזט
האָט דאַן אַזױ,
שטיל דערצעהלען
יענע נאַכט
ראָד אין ראָד אונז
אין דער הײל,
מיט די לײַכטער
אין די הענט,
בלאַס און בלאַס
דער יונגערמאַן...
שטיל מיט אױגען
אונז בעטראַכט,
זיך דערנאָך
צו אונז געװענדט:

„ברידער, ברידער,
שטעלט אַװעק
איצט די לײַכטער
פֿון די הענט...
זעצט זיך אױס
אַרום, אַרום
זעצט זיך אױס
אַרום די װענט...

איך אין מיט,
איך אין מיט,
שטיל אַרום...
איך פֿון װײַטען
איצטער קוק...
װײַט פֿון מזרח
און פֿון הײל —
װײַסט: געשיקט
צו אײַך אין הײל...



# אויף די טירען...

I

ווער־זשע וועט אונז ווייזען
פון דער וועלט די טירען,
ווער־זשע וועט אונז בלינדע
אויף דער עלטער פיהרען?...

אך, צו אונז די אלטע,
ווער, צו לייב און זינדען —
אונז, דעם דור דעם לעצטען,
לעצטען דור און בלינדען.

עלענד מיר שוין זקנים,
ארים און אהן קינדער, —
וועה, צום דור צום אלטען —
אלטער דור א בלינדער.

הייטלעך אויף די אויגען,
זינד אויף שוועל און טירען,
שטרויכלונגען אויף וועגען, —
ווער־זשע וועט אונז פיהרען?...

II

אך, צו אונז די אלטע,
בלינדע אינ'ם לעבען,
עפיס דא געשיכטעס
נייע זיך גאר וועבען...

נייס און וויכטיגס פיהלט זיך,
שטעהט שוין אונטער טירען,
וועגען דעם די יונגע
שטיל געשפרעכען פיהרען.

אונז זיי זאגען גארנישט,
פרעגען קיינע עצות,
נאר מיר פיהלען בלינדע
מעשים אונטער פלייצעס.

איילען זיך אין גיכקייט,
שווייגענדיג פערנומען,
גרייטען זיך צו עפיס...
עפיס פאר וועט קומען.



סוד'ען זיך און טוען...
וואס־זשע וועט געשעהען?
וואויל איז דעם, וואס לעבען,
לעבען וועט און זעהען...

III

רעדען איבער אלטע
צווישען זיך און שמועסען:
אלטע מיר דאס ווייסען,
קינדער ערשט געניסען...

ליגען דארט די אלטע,
שלאפען נים בײנאכטען,
זיפצען אין דער פינסטער,
פון דער עלטער טראכטען.

קרעכצען נאר די זקנים,
זיפצען שטיל פערטראגען,
געהען־אום און שעפטשען,
זאגען עפיס, זאגען...

און די קינדער שלאפען
אין ביינאכטען שטילע:
וואך פאר זיי און מארגען
זקנים דארט אין תפלה

שטיל אין הייזער אלטע
דרעהען זיך און דרעהען,
און אויף קינדערס מארגען
האגען שוין דארט קרעהען...

VI

פרעגען דאס די אלטע,
פרעגען נים פערשטעהע
קינדער, וואס זיי זיינען,
קינדער וואו פארגעהען

ס'איז פון אלטע צייטען
אויף דער וועלט געגיעב
יוגענד אויף זיך פרעהען
יוגענד־צייט אויף ליעבען

טאג אויף טון און ארביי
נאכט אויף פרייד־געזעלע
קינדערלעך אויף טירען,
חבר'שאפט אויף שוועלען

פארלעך אין די געסלעך
שטילע און שפאצירען
שפעטע אין ביינאכטען
ליעבענדע זיך פיהרען, -

—וואוהין געהען קינדער,
היינטיגע פארגעהען?...
פרעגען דאס די אלטע,
אלטע נים פערשטעהען:

בלאנדזען־אום, ווי שאטענ
בלאסער דור און מידער,
פרעמדע פאטער־מוטער,
בלאסע צווישען ברידער.


דער נסתר.

האָבען עפּיס ערטער,
בלײַבען נישט אויף צײַטען,
קומען־אָן פון דאָרטען
פרעמדע, ווי פון ווײַטען.

הערען הערט מען זאָגען:
האָבען ערגיץ הײַלען,
קלײַבען זיך צונויף דאָרט,
מעשיות זיך דערצעהלען.

לאַנגע נעכט אין רעדלעך
ליגען דאָרט אינאײַנעם,
וואָס זײ דאָרטען טוען —
טרויען זײ נישט קײנעם.

זעהט מען זײ בײַטאָגען,
שלאָף זײ אויף די וויעם,
שטאַמלען עפּיס, שטאַמלען
ווערטער פון נביאות...

V

ערד אין מויל צו די, וואָס זאָגען:
„האָפענונג אומזיסטע,
„אויף די וואָלקענס פון דעם הימעל
„דאָס אַרויסקוקען איז פּוסטע.

„האָפען, גלויבען — וואָס? אויף וועמען?
„נאַרישקײַט פון טרוימער:
„הערען טריט בײַ זון־פערגעהען
„אויף די שפּיצען פון די בוימער.

„וואַרטען הילף פון בערג פון ווײַטע
„פּיס שוין דאָרטען געהען”...
ערד אין מויל צו די, וואָס זאָגען:
„נאַרען נאָר דאָס זעהען”...

VI

שפּאָט צו יענע זעהערס,
שאַנד צו די, וואָס זאָגען:
פאָטערס שוין געפאַלען,
קינדער נישט דערטראָגען...

שאַנד, צו זײ צו יענע,
שפּאָט צו זײ אין שוואַכען:
קינדער אונטער פלײצעס
יונגע פון זײ לאַכען: —



— אַלט זענט איהר נאָר, זעהערס,
מיעד זענט איהר נאָר אײנע, —
לעבען געהט אַ נײַעם
ערשט פאַר קינדער קלײנע.

געהט אין אײַער רוהע,
שלאָף אײַך אויף די וויעם...
אַלט זענט איהר פאַר זעהען,
מיעדע פאַר נביאות.

VII

קריכט אַרויף אויף לויטערס,
געהט אַרויף אויף דעכער,
קוקט זיך אײַן אין ווײַטקײַט,
איבער לאַנד און טעכער.

ווײַט אין הימלען פליהען
פײגעל אין שיירות

אין דעם לאַנד, אין פריהל
איבער בית הקברות.

פרײַ דאָס לאַנד פאַר הימל
און פאַר פײגעל פרײַע,
און פאַר יונגע קינדער
געהט אַ וועלט אַ נײַע.

קינדער אין דער הויך,
אַלטע הינטען ליגען, —
לעבען איז פאַר קינדער,
קינדער אין די וויגען.

יונגע וועלען זעהען
אַלטס אויף בית הקברות, -
ווײַט אין הימלען פליהען
פײגעל אין שיירות...



# פון שיר-השירים.

(פסוקים)

I

פון לבנון מיט מיר כלה,
פון די בערג פון חרמון, שניר,
פון די וואוינונגען פון לײבען
קומט די כלה=טאָג מיט מיר.

פון די אַלטע בערג פון לעמפּערט,
פון די וואוינונגען פון לײבען
און פון הימעלס=בלאָהען חסד,
וואו די אָדלערס דאָרטען שוועבען.

אָדלער, אָדלער אין דער הויך
אין דעם טאָג און העכער
איבער בערג און איבער אונז,
איבער לאַנד און טעכער.

אונטער זון און אונטער הויך,
איבער בערג און כלה,
איבער טאָג און אַלעם ליעב
אין דעם לאַנד דאָרט אַלע...

II

איך, די רויז פון גלײַכען פּלאַץ,
פון די טאָלען שעהנע
בין אַ קינד צו טאַטע=הירש
און צו מאַמען אײנע.

איז געגאַנגען מוטער=אינד
מיט די אינדערן געהען,
האָט דערזעהן זי פאָטער=הירש,
זי בײַם קוואַל דערזעהען.

אָפּגעפיהרט זי פּאָטער האָט
שטיל אַוועק פון ברונען,
האָט געזוכט זי שוועסטער=טאָג,
לאַנג און נישט געפונען.

האָט געבראַכט זי פאָטער=הירש
צווישען בוים און צווײַגען—
צווישען נאַכט און צווישען טאָג,
ווען די ווינטען שווײַגען...



III

— אוי, זאָג מיר נאָר דו, וואָס מײַן לײַב האָט דיך ליעב,
וואו פּאַשעסטו שאָף דאָרט בײַטאָגען ?
צי ווײסטו נישט, ליעבער, ווי איך האָב דיך ליעב,
צי קאָנסטו דאָס אָרט מיר נישט זאָגען ?

— „אויב ווײסט נישט, דו שעהנע, בײַ טאָג וואו איך פּאַשע,
„וואו ס'פּאַשען זיך שאָף און זײ ליגען, —
„אַרויסגעה פאַרטאָג און צום פעלד און פאַר ראָסע,
ווען פּאַסטובער פּאַשען די ציגען — — —

...אויב ווײסט נישט, מײַן ליעבע, ווי ליעב דיך מײַן לײַב האָט,
אַרויסגעה און פרעג בײַ די וועגען,
אויב ווײסט נישט, מײַן ליעבע, ווי ליעב דיך מײַן לײַב האָט,
זעה בערג און די הירשען=געיעגען...

אויב ווײסט נישט, מײַן ליעבע, ווי ליעב דיך מײַן לײַב האָט,
אַרויסגעה זעה היפּלען און רויבען —
אויב ווײסט נישט, מײַן ליעבע, ווי ליעב דיך מײַן לײַב האָט,
פאַרנאַכט דאָרט אויף בערג און אויף הויכען.

אויב ווײסט נישט, מײַן ליעבע, ווי ליעב דיך מײַן לײַב האָט,
בײַנאַכט הער די קולות זיך טראָגען,
אויב ווײסט נישט, מײַן ליעבע, ווי ליעב דיך מײַן לײַב האָט,
בײַנאַכט הער די פיקסעלעך קלאָגען.

אויב ווײסט נישט, מײַן ליעבע, ווי ליעב דיך מײַן לײַב האָט,
הער=אײַן זיך צו אונטער געצעלטען,
אויב ווײסט נישט, מײַן ליעבע, ווי ליעב דיך מײַן לײַב האָט,
הער=אײַן זיך, ווי שוועסטער אונז שעלטען...

IV

דו, וואָס זיצט אין גערטנער דאָרט
גערטנער־טאָג צו היטען
אין דעם הייסען זומער־טאָג,
האַלבען טאָג אין מיטען.

ווייט אין טאָג, אין גאָרטען־טאָג,
ווייט פון היים און מאַמען
אונטער זון און היץ פון זון,
אונטער צוים און צאַמען.

אונטער בוים און שאָטען־בוים,
צווישען שטילע ביימען
אונטער זון און שיין פון זון
צווישען ליכט און קווייטען. —

כ'קוק דורך שפּאַלטען פון דעם צוים,
כ'קוק דורך גאָרטען־בוימער,
כ'זוך דיך אויף דער סטעזשקע־טאָג,
דיך, מיין ליעבען שומר.

כ'געה אַרום, אַרום דעם צוים,
כ'קוק זיך איין אין שפּאַלטען,--
וואו זשע האָסט זיך, ליעבע מיין,
אין דעם טאָג בעהאַלטען.

לאָז נאָר הערען, ליעבע, מיר,
דיינע טריט מיך הערען, —
אָפּגעהן וועל איך דאַן פון דיר,
כ'וועל ביי אַלעם שווערען.

ווייז אַרויס מיר דיין געשטאַלט,
נאָר אין גאָרטען ווייטען, —
כ'וועל אַוועקגעהן דאַן אין טאָג
און אויף לאַנגע צייטען.

V

טויב דו מיין אין פעלזען־שטיין,
אין די פעלזען־שפּאַלטען,
כ'לאָז דיך נישט צו מאַמען געהן,
כ'וויל דיך דאָ פערהאַלטען.

האָב קיין מורא, טויב, פאַר מיר,
האָטש איך בין דאָ איינער,
כ'וויל נאָר דריקען, קושען דיר
דאָ ביי טייך און שטיינער.

כ'לאָז דיך פריי דערנאָך אַליין,
פליה זיך הויך און העכער,
איבער טייך און איבער שטיין,
איבער דאָרף און דעכער.

פליה דערנאָך זיך פריי און הויך,
זעהן וועל איך דיך איינער,
איבער ווינט און איבער רויך,
איבער טייך און שטיינער.

VI

איך, די רויז פון גלייבען פּלאַץ,
פון די שוועסטער שעהנע,
איך, די שאָף, דער מאַמעס שאָף,
פאַשע נאָר דאָ איינע.



ווייט פון דאָרף, פון מאַמעס־הויז,
אויף דער זון און היצען,
זוך אַ שטיין, אַ שאָטען־שטיין,
פון דער זון זיך שיצען.

האַלבער טאָג ... נאָך גרויסער טאָג...
פריה אַהיים זיך קערען,
ביז פאַרנאַכט, אין פעלד פאַרנאַכט
ליגען וועל און קלערען:

—היים אין פעלד, די זון אין פעלד,
ברידער דאָרטען ליגען,
ביי דעם שטיין און קוואַל אין שטיין
וואַסער דאָרט מיט קריגען.

און אויף בערג, אויף הויכע בערג,
שוועסטער דאָרטען פאַשען,
ביז פאַרנאַכט און זון פאַרנאַכט,
ווען די פעלדער ראָסען.

און פאַרנאַכט, די שאָף פאַרנאַכט,
ווען אַהיים וועל טרייבען,
אונטער דאָרף וועל איך אָפּשטעהן,
אונטען וועל איך בלייבען.

און אַליין און מיעד אַליין
ביינעהן וועל ביים ברונען, —
צווישען ברידער מיינע דאָרט
פאַסטוך וועל געפונען...

VII

געה אַרויס אין פעלד,
בעגעגען מעליסאַלדאַ'ן,
פרעג איך זי: פון וואַנען?
ענטפערט מעליסאַלדאַ: —

— פון דעם ווייטען פעלד
און פון טאָג און זונען
און פון שלמה'ס שטוב
האָב אין וואַלד געפונען.

ס'איז די אַלטע שטוב
פון אַמאָל פאַר היטער,
פאַר די זעכציג דאַן
זיינע טרייע ריטער.

און דער וואַלד ביי טאָג
און אויף זון די ערדען
און די שלמה'ס שטוב
פון די אַלטע שווערדען.

און די בויגענס אַלט
און די שיידען, טאַשען, —
און פון טעכער קום
האָב זיך דאָרט געוואַשען.

און פון וואַסער ריין, —
געה פון טאָג און טראַכטען
און פון שלמה'ס שטוב
אין דעם וואַלד ביינאַכטען...

## VIII

געה איך אויף אויף בארג,
בעגעגען מעליסאלדא׳ן,
פרעג איך זי: פון וואנען?
ענטפערט מעליסאלדא:

— פון מיין טאטענס שטוב
און פון הויז פון מאמען
און פון גארטען פריה
פון פארטאג זיך זאמען.

ס׳איז נאך היפעל־בלאס
און אין רוה די וועגען
און אויף בארג ארום
קיהלע זאמד און שטעגען.

ס׳איז אין הויז נאך רוה
און אין נעסט די טויבען
און די רויזען־פריש
קום פון ראסע קלויבען.

שטיל ביים ברונען דארט...
קום פון וואסער טראגען,

פון צו זיך אליין,
צו מיין ליב זיך זאגען:

-- טויזענט, טויזענט, שלמה, דיר
און צוויי הונדערט היטער, —
פאלשע ווייבער זיינען דיר,
נישט געטריי די ריטער.

איינע, איינע אבער איך,
איך—די רויז פון טאלען,
ווער די ליעבע וויל ביי מיר,
דארף מיט ליעבע צאהלען...

פאסטוך, פאסטוך, היינט ביטאג,
וואו דו פאשעסט דיינע
שאף אין פעלד—אהין קום אך,
קום איך אן מיט מיינע.

פאסטוך, פאסטוך, אויף ביינאכט
וואו האסט שאף פערטריבען,
קום איך אויך מיט מיינע אך,
קום איך אן דיך ליעבען...





# נ ע ו נ ד

(תפלות און תחנונים).



# פּתיחא.

הויב איך אָן אַזוי און זאָג:
אדני אלהים,
גרוים איז די משא, וואָס דו האָסט אויף מײַנע פּלײצעס געלייגט,
דו האָסט מיר זיך און מײַן וועלט אין רשות־מײַן געגעבען,
מײַן לײַב און מײַן צײַט אויף אַ לעבען פֿערברײנגען,
מײַן ווילען, מײַן וועג און אַ ברירה צו קלויבען; —
און וועגען אָהן שעור האָסט דאָך, פֿאָטער, געשאַפֿען,
און וועגען אָהן שעור אויף דײַן וועלט פֿאַר מײַן לעבען,
און שטן אויף אַלע אויף וועגען געפֿינט זיך,
דײַן שטן אויף אַלע דאָך וועגען געשיקט זיך; —
וואוהין־זשע זיך לאָזען זאָל מענש זיך, דער געהער,
וואוהין־זשע זיך לאָזען אויף וועלט זאָל איך קינד נאָך,
און וואָס וועט מיך טרעפֿען אויף וועג און אין לעבען,
צו וואָס וועל דערגרײכען צום סוף פֿון מײַן לעבען?
— מײַן גאָט, סײַ ווי סײַ:
מײַן גאָט מיך בעהיט,
מײַן גאָט מיך פֿערהיט...

... כ'האב אין יוגענד נאך
האב געליבעט די נאכט,
האב געליבעט דעם וועג
אין דער נאכט אריין, —
האב זיך אפגעלאזט,
זיך אוועקגעלאזט
אין דער יוגענד נאך
אין דער וועלט אריין.
אהן א תפלה זיך
און אהן א וואונש נאך שום,
פון קיין מאמע־שעהן
נאך קיין ברכה נישט,
פון קיין זיידען־גראה
קיין קמיע נישט, —
מיט הוילער יוגענד נאר
מיט הוילען ווילען נאר
האב געלאזט זיך דאן
אין דער וועלט אריין.

און געוואוסט האב איך
נאר א גלוסטען דאן,
שטומען גלוסטען נאר
און א נאכט־בעגעהר, —
און פערמאגט דערצו
איך א שטעקען דאן —
האב געלאזט זיך יונג
אין דער נאכט אריין.

כ'האב נישט געדענקט נאך דאן,
כ'האב נישט געקלערט נאך דאן,
וואס אזוינס איז גאט,
נאך וואס עס ציהט צו גאט, —
געוואוסט האב וועגען נאר,
געוואוסט האב אומגעהן נאר,
אזוי צו אומגעהן דאן —
נאך וואס מתפלל זיין?

— ס'איז די וועלט דאך גרויס
און די נאכט מיט איהר
און די ערד געהט־צו
ביז'ן גרויסען ים; —
און א וועג איז דא
אין דער נאכט איז דא
און א גלייכער דאך —
נאך וואס מתפלל זיין?

און די נאכט איז גרויס
און דער וועג איז ווייט —
געהט אוועק א מענש
געהט א יונגער דאן —
אהן אנ'עול אויף זיך
און אליין פאר זיך
אוועק אין נאכט אזוי,
אוועק אין נאכט זיך דאן...
— — — — — —

יאהרען־לאנג אזוי
יונג און אומגעגאן,
בין איך אומגעגאן,
ביז געקומען בין




צו דעם גרויסען ברעג,
צו דעם זאמדען־ברעג
פון דעם ווייטען ים,
פון אוקינוס־ים.

האב זיך אפגעשטעלט
און האב זיך איינגעהערט,
חוואליע, חוואליע גלעט,
וואסער, וואסער קומט, --
נאכט און וואסער־ברעג,
נאכט און גרויסער ברעג
חליופען, חליופען דארט
נאכט אויף וואסער שווימט...

קומט דאס וואסער צו,
געהט דאס וואסער אפ,
חליופעט חליופ אזוי,
געהט צוריק אוועק, —
קומט עס ווייטער אן,
שלאגט זיך ווייטער אן
פון דעם גרויסען ים
צו דעם ווייסען ברעג.

קיהלט און קיהלט דער ים,
בלאזט אויף וואסער קיהל,
שווייגקט און באדט דעם ברעג
שווייגקט ביינאכט און שטיל —
שווימט און שווימט דער ים
ווייט און ווייט אוועק:
האלבע נאכט דער ים,
האלבע נאכט דער ברעג...

אזוי א גאנצע נאכט,
אזוי אין יעטער נאכט
בלאזט און בלאזט דער ים,
וואסער, וואסער ברומט, —
אזוי א גאנצע נאכט,
אזוי אין ווייטער נאכט
גאט אויף ימים דארט,
גאט אויף ימים שווימט...
— — — — — —

נאך גאר אין יוגענד נאך,
נאך גאר א יונגער מאן
בין געווען ביים ים,
בין געשטאנען דאן, —
נאך אהן אנ'עול אויף זיך,
נאך אהן א גאט פאר זיך
אליין מיט שטעקען נאר,
נאך גאר אין יוגענד דאן.

בין געשטאנען נאכט
און האב זיך איינגעהערט
צו די רייד פון ים,
פון דעם גרויסען ים, —
האב זיך אויסגעדרעהט,
בין אוועקגעגאן
שוין אנ'אנדערער,
שוין אנ'אלטער מאן.

און פון דאמאלס אן
איך אנ'אלטער שוין,



דער נסתר.

אַ געזעצטער מאַן,
און מײַן קאָפּ איז גראָה: —
מען זאָגט, אַז אויסער וועג,
מען זאָגט, אַז אויסער וועלט,
אויף דער גרויסער וועלט
איז אַ גאָט נאָך דאָ...

און פֿון דאַמאָלס אָן
גער איך נאַכט אַרום,
גער איך נאַכט אַרום,
גאָר די וועלט גער אויס, —
און איך זע אין נאַכט

און איך הער אין נאַכט
אויף די וועגן אײַן
אויף די וועגן אויס.

און וואָס אין וואָגעל=נאַכט,
און וואָס אין יאָהרען=נאַכט,
און וואָס אויף וועגען=ווײַט,
און וואָס אויף וועגען=גראָה, —
וואָס געזעהן האָב דאָרט
און וואָס געהערט האָב דאָרט
וויל דערצעהלען דאָ,
וויל דערצעהלען דאָ.

I

... און געזעהן האָב אין נאַכט,
ווי ס'זיצט דאָרט דער בורא אויף אַ שטײן אויף אַ קאַלטען
אין ווײַט=פֿעלד אין נאַכט און אויף שוועל פֿון זײַן טרויער, —
זײַן קאָפּ איז פֿערלאָזט און אויף האַנט איז געלענט איהם,
זײַן שטערן פֿערשמאַכט און די אויגען פֿערנומען,
ווי אין קאָפּ איהם פֿערדוקט און פֿערנעבעלט, פֿערהײַטעלט,
ווי פֿערזעהן און בערקוקט אין אַנ'עולם אַ ווײַטען
פֿון זעהעניש גרויסע: —

פֿון קניעס און תּפֿלות,
פֿון מחנות אויף קניעס, די הייליגע מחנות,
די מחנות פֿון זקנים פֿון אַלטע און גראָהע,
אויף בערג דאָרט אויף הויכע — די בערג דאָרט בעדעקען,
אויף פֿעלדער אויף גרויסע — די פֿעלדער פֿערזײַען,
מיט קלײדער און גופֿים און ציהען זיך, ציהען,
און מעהרען זיך, מעהרען די שוואַכע און קומען
שיירות, שיירות פֿאַרטאָגען, פֿאַרנאַכטען



מיט גופֿים און תּפֿלות, מיט מאַסען און עלטער
מיט טענות, געבעטען פֿון נעכט און מעריבֿים,
פֿון יאָהרען, אַמאָל — און פֿון געהן און פֿון וועגען
פֿאַרנאַכט און אין פֿעלד און פֿון מאָך אויף די וועגען
פֿון געהערס פֿון אַלטע פֿאַרנאַכט און מיט שטעקענס,
אין סטעפּעס, אין רחבֿות אין פֿריהע פֿריה=מאָרגענס,
אין טרויער פֿון מנחות פֿון קדושים און נזירים
אין שטילע פֿאַרנאַכטען, אין פֿעלד'ס ווײַטען שווײַגען...

און עס ליגען און קניען
די אַלטע=לײַט מחנות,
שיירות אין שורות אין גלײַכע דאָרט לאַנגע
אויף פֿעלדער אויף ווײַטע, אויף אײַביגע בערג דאָרט
העט=אויבען, העט=אויבען, אַרום און משופּע,
בײַ בערג און צופֿיסענס פֿון הינטען — און בעטען
פֿאַר ערד און אָהן ווערטער מיט לעפּצען נאָר שטילע,
מיט לײַבער, מיט קערפּער אָהן לשון בײַם הימעל,
מיט גופֿים=תּחנונים אויף דר'ערד אין הכנעה,
ווי בעטערס=גלגולים מיט פֿאָרכט און מיט שפּרובען
פֿון יאָהרען פֿערגאַנגען, נשמות געוועזען, —
פֿאַר וועג און פֿאַר לעבען פֿון דורות נאָך דאַמאָלס,
פֿון זײַערע צײַטען, פֿון דאַן נאָך קדמונים,
פֿאַר וועג אויך פֿאַר לעבען פֿון די, וואָס זיי קומען,
וואָס דאַרפֿען נאָך קומען פֿאַר האַר פֿון די וועגען,
וואָס דאַרפֿען ערשט קומען ביז סוף כּל הדורות
אויף וועלט און פֿאַר שטול פֿון דעם האַר פֿון די דורות...

און עס בעטען די אַלטע,
די זקנים און קניען: —
— „אין טרויער פֿון מנחות, אין ווײַט=פֿעלד אין הימעל

אין טרויער פֿון מנחות, דו, הייליגער בורא,
ווען דו זיצסט אויף דיין שטול און פֿערטראַכט פֿאַר דיין כּבֿוד,
פֿערטראַכט און פֿערזאָרגט און פֿעראומערט פֿאַר שקיעה
מיט וואָלקענדלעך־הויך און בערוהטע אין מנוחה
אין דער שטיל, אין דער הויך און אין הימעל אין מיטען,
וואָס רוהען און טראַכטען און טראַכטענדיג רוהען
און קוקען אויף ווייט־פֿעלד, איף זון, וואָס זי זעצט זיך
אַראָפּ צו, אַראָפּ דאָרט פֿון פֿעלד און פֿון טאָג־פֿעלד
אין מערבֿ אַרונטער, ביי ערד דאָרט אין הימעל,
און שטיל דאָרט און ווייט דאָרט מיט פֿעלד זיך געזעגענט;
ווען דו זיצסט זיך דאַן שטיל און פֿערטראַכט זיך אין עק־פֿעלד
און דו קוקסט דאַן אַהין, וואו דער טאָג ער געהט אוים דאָרט
מיט ראָסע, מיט פֿעלד און פֿון ליכט און פֿון דאַנען,
פֿון היינט און אַרום און פֿון ווייט פֿון דעם מזרח,
טרעט אָפּ און טרעט אָפּ און דערווייל נאָך אין לופֿט איז,
פֿון אויבען אויף פֿעלד, — און דאָס פֿעלד שוין פֿאַרנאַכט׳ס איז,
זיי זאַמען און זאַמען, זיי דאַרפֿען זיך שיידען
— דער טאָג מיט דער נאַכט — און זיי ביידע אויף פֿעלד נאָך
זיי שטעהען דערווייל נאָך נאָך שטילע און וואַרטען
אויף דיר און דיין וואָרט און דיין שטיל־זיך־בעדענקען
אין דער הויך, אין דער לופֿט און אין הימעל שוין טונקלען —
אָט דאַמאָלס,

ווען דו זיצסט און דו טראַכסט אין דיין שטול אין דיין שטילען,
אין דער צייט, ווען דו דענקסט און דו קאָנסט זיך בעדענקען,
בעדענק אויך געבעט דאַן פֿון אונז אויף דעם פֿרייען,
בעדענק אויך געבעט דאַן פֿון אונז און פֿאַר שקיעה,
דאָס פֿעלדיש־געבעט און פֿון צבור בקשות,
דאָס פֿאַרנאַכטיש־געבעט פֿון אונז אַלע אויף ערד דאָ
פֿאַר דיר און דיין ליכט, און מיר אַלע פֿערשפּרייט דאָ
מיט הענט און מיט ערד און מיט אַלץ, וואָס פֿערמאָגען,



פֿאַר דיר און דיין נאַכט און דיין זון, וואָס זי זעצט זיך
העט־ווייט און פֿערגעהט דאָרט אויף נאַכט און פֿון וועגען, —
זאָל אויפֿגעהן פֿאַר דיר דורך די הימעלשע וועגען,
זאָל אויפֿגעהן פֿאַר דיר פֿאַר דיין ליכט און דיין כּבֿוד
פֿאַר מנחה דיין צייט, אין דער צייט פֿון דיין רצון...

אַזוי זעהט דער בורא

אויף פֿעלד און אין נאַכט דאַ

אַליין און אויף וועלט זיך, ווען אין האַלבע נאַכט זיצט זיך
אויף דר׳ערד אין דער ווייט און זיין האַנט אונטער קאָפּ איהם,
זיין קאָפּ איז פֿערטראַכט איהם — דאַן הערט ער און הערט ער
דאָס ווימלען, געראויש פֿון דער עלטער פֿון אַלטער
פֿון זקנים אויף בערג — און שוין ווילען וויל אויפֿשטעהן
פֿון אָרט און פֿון נאַכט און פֿון ערד זיך דערהויבען,
פֿון דאַנען, פֿון איצט און אַהין זיך אַוועקגעהן
פֿון דאָרט און אויף באַרג, אין דער שטיל זיך בעווייזען
העט־ווייט און העט־הויך און פֿאַר זקנים, וואָס ליגען
אין טאָלען, אין פֿעלד און זיי בעטען און ווימלען —
אַמאָל, אַ פֿאַרנאַכט אין דער שיין זיך בעווייזען
מיט פּנים, מיט ליכט און מיט זיך און אינגאַנצען,
נאָר עס לאָזט ניט דער שטן: —
ער שטעהט איהם פֿון הינטע

ער שטעהט איהם און וואַרט איהם אַ גרייטער בעשטענדיג.
אַ שטילער, פֿערטראַכטער, געטרייער אין שטילען,
ביי פּלייצעס פֿון הינטען אַ קנעכט אויף בעפֿוילען,
נאָר וויסען ווייסט אַלעס ביי האָר אין מחשבה,
נאָר וויסען ווייסט אַלעס פֿון האָר בשעת שווייגען,
אַז גרייט איז בעשטענדיג אויף אויפֿהויבען שטיל זיך,
אַז גרינג איז בעשטענדיג אויף דעה און וועגען
אגן אָנגעגרייט כּסדר אויף בערג זיך צו לאָזען,

און ... ער היט אים און היט אים —
די שעה זאָל ניט קומען ...

און ס׳נעמט דאַן דער שטן דעם בורא ווי גלעטען
געהיט און פּאַמעליך אויף פּלייצעס, אויף רוקען,
און, גלעטענדיג, נעמט ער קוים־קוים זיך צו בויגען,
פּאַמעליך זיך בויגען צו אויג איהם אין פּנים,
און קוקענדיג שטיל איהם אין אויגען נעמט וואַרטען,
אַ ביסעלע וואַרטען איהם נאָהענט אַנטקעגען
און דאַן גלייכט ער אויס זיך מיט איהם זיך מיט קאָפּ איהם
און מיט שטילער געטריישאַפט אַזוי הויבט אָן זאָגען: —
— דו האַר פון די וועלטען
... און זיין דאַרף דאָך זיין, ווי דיין האַנט האָט נעצייכענט
אין זאַמד פון דער מדבר, אין טאָג דאַן אין הייסען,
אַ טאָג פון די זיעבען פון מעשי־בראשית,
אַ ליכטיגען, ערשטען פון וועלט נאָך צום אָנהויב,
ווען דו ביזט געזעסען אַליין אין עק־מדבר
וויט־וויט און פאַר אויג און פאַר מיילען און שיינען,
העט־העט אין דער וויט אויף דער ערד און אויף זאַמדען, —
די זון האָט געשיינט און געבּרענט דאַן אין הימעל
אין שטילקייט, אויף טאָג און אין מדבר אַרום דאַן
אויף מיט און אויף זאַמד און אויף ראָד־אַרום עקען, —
און דו ביזט געזעסען זיך איינער, נאָר איינער,
געקוקט האָסט צו דר׳ערד און דיין האַנט האָט געפיהרט זיך,
און צייכענס געמאָלט האָסט אין זאַמד זיך מיט שטעקען,
ווי אומגערן, גלאַט זיך, אַ שטילער, פערטראַכט זיך: —
אַ ראָד אין אַ ראָד און אַ רעדעל אין רעדעל
און בילדלעך און דריידלעך, פיגורעס משונה —
פון חיות און עופות און צורות פון מענשלעך
און רינגעלעך, שטעקלעך און אותי׳לעך קרומע —



קיין זין און קיין אינהאַלט, נאָר צייכענס אויף זאַמדען,
קיין שפּראַך און קיין מיין דאָרט, נאָר כתב אין דער מדבר, —
געמאָלט און געפיהרט מיט דער האַנט און געקלערט זיך,
פערגאַנגען, פערקלערט און, דאָרט מאָלענדיג שטיל זיך,
געטראַכט זיך דאַן שטיל און אויף זאַמד און אין מח
וואָס זיין וועט אַ מאָל — אין דער פאָרשטעלונג רייניער ...

און פאָרגעשטעלט האָסט זיך: —
און זיין וועט אין לעבען,
ווען נאַכט וועט אַמאָל זיין אויף וועלט שוין אויף וויטער
און וועגען דאַן שטילע אין נאַכט וועלען פיהרען
און זאַמדיגע קיהלע אין נאַכט וועלען ציהען
פון איין עק צום צווייטען אויף שטרעקע אויף וויטער,
פון איין עק צום צווייטען אין הימעל פערשטיקטע —
איבער פעלד, איבער נאַכט, איבער ערד הינטער שטערען;
ווען שטיל וועט דער הימעל

אין נאַכט דאַמאָלס רוהען
העט־הויך דאָרט און שטיל דאָרט אויף פעלד און אַרום פעלד
און שטערענדלעך־זילבער אַראָפּ וועלען קוקען
אויף פעלדער אויף גרויסע, אויף טעבלעך מיט היפּעל,
אויף סאַזשעלקעס שטילע און ברונענס אין פעלדער,
פערהוילען, פערדעקטע מיט גראָזען מיט קיהלע,
אין טאָלען, אין גראָבענס, אין נאַכטישע־פינסטער,
אין וועלדער געדיכטע, ביי הימעל־עק וועלדער
העט־וויטע אַרום דאָרט, אויף סטעזשקעס אין וועלדער,
וואָס פיהרען אַרויס דאָרט אַהער שוין צום גרעניץ,
אַרויס־צו, צו פעלד צו, אין דער נאַכט אין דער ברייטער,
אויף פרייען פון וואַלד און פון ביימער ביינאַכטען;
ווען אַ מענש וועט פון דאָרטען

זיך דאַמאָלס בעווייזען

אין שטילען, אויף פעלד אויף דער מיט און אויף גראזען,
אויף וועג און אויף מיט — פונ׳ם וואלד, הינטער שטערן
מיט שטעקען און טארבע פון וואלד דארט געקומען
און מיט אויגען אין ראד אין דער מיטען זיך שטעלען, —
ארויסגעהן וועסט, בורא,

פון וואלד און פון ביימער,
אויך דו וועסט ארויסגעהן דאן שטיל נאכ׳ן געהער,
אוועקשטעלען וועסט זיך א שטילער איהם הינטען
אויף פעלד און אויף מיט איהם בעטראכטען איהם דארטען,
ביים וואלד און ביים עק איהם מיט אויגען מיט שטילע
און קוקען וועסט קוקען און אזוי וועסטו זאגען:
— געהייליגט זיי מענש מיר,

דו מענש אויף די וועגען
געבענשט זייט איהר נעכט מיר, איהר נעכט אין די וועלדער,
איהר סטעזשקעס פון זאמדען און שורות דארט גלייכע,
וואס קומט אן פון נאכט־וואלד מיט הימעל נאר פאסען,
פון הימעל פון בלאהען מיט שטערענדלעך בלאסע,
פון טיעף־וואלד פון ווייטען, פון סכך־בוים און צווייגען,
פון שטילען־פערהוילען און פיהרט מיר דעם געהער
מיט שטויב און מיט שטעקען וואלד־איין איהם, וואלד־אויס איהם,
און פיהרט איהם ארוים איהם פון וואלד שוין אויף פרייען
אויף שטילער, אלין ווייטער צום הימעל־עק צווייטען
א פינטעלע־קליין שוין אין נאכט איהם, פארנאכט איהם
א מענשעלע ווייט דארט אין אויג פון עק־הימעל,
אהינצו, אהינצו אין נאכט און אויף וועגען
פערהוילען, פערבארגען אין נאכטישע וועגען
פאר פיס און פאר מענש און פאר ערד אונטער שטערן, —
געבענשט זאלט איהר זיין מיר, איהר הימלען און שטערן,
געבענשט זאלט איהר זיין מיר אויף אייביגע יאהרען!...



אזוי וועסטו זאגען,

דו, הייליגער בורא,
אזוי וועסטו זאגען אויף מענש דאן, דעם געהער,
ווייל זיין דארף דאך זיין, ווי דיין האנט האט געצייכענט
אין זאמד פון דער מדבר, אין טאג דאן אין יענעם,
ווען דו ביזט געזעסען אליין און פערטראכט זיך
און שטיל זיך געפיהרט זיך מיט האנט און געצייכענט
די וועגען פאר לעבען, פאר אייביגען לעבען,
די וועגען פאר געהער׳ס, פאר וועלט דיינע געהער׳ס...

אזוי זאגט מיט ערנסט צום בורא דער שטן,
אין ערנסט דערצעהלט איהם פון אנהויב פון זיינעם,
דערמאנט איהם און ברייננגט איהם זכרונות דאן אלטע,
פאררעדט איהם און חנפ׳עט זיין מיין איהם פון דאמאלס,
פארעדט איהם און גלעט איהם און נארט איהם, דעם בורא,
ער גלעט איהם און לויבט איהם און שמייכעלט פון הינטען...
און שוואך ווערט דאן בורא: —

עס לאזען איהם הענט אפ,
עס געהט די מינוט און דער ווילען איהם איבער
און בלייבען בלייבט זיצען ביי טראכטען דער בורא
און בלייבען בלייבט ווייטער מיט שטן פון הינטען,
ביינאכט און אליין און מיט דמיון מיט שוואכען,
אליין אויף דער ערד און אויף שוועל פון יצירה...

II

...און געהערט האב אין נאכט,
ווי ס׳געהט אום אויף פעלדער דער בורא אליין זיך
אין פרייקייט, אין ברייטקייט און שטעלט זיך צו איין זייט
מיט פנים אהינצו, צו סטעפ, אין דער מיטען,

מיט אויגען צו קוקען אין ווייטקייט אין שטילער
און לאנג אזוי שטעהט זיך און נאכדעם דרעהט אויס זיך
און קערט זיך ארום זיך און רופט אין דער נאכט: —
הער, נאכט, הער, דו נאכט, הער, דו שר פון דער נאכט,
צי הערסט נישט, ווי ס'פאהרט דארט אויף וועגען אויף ווייטע,
צי זעהסט נישט, ווי ס'קומט דארט פון ווייטקייט א פוהרעל
פון ערד דארט ביי עק און פון עק פונ'ם הימעל
אהערצו פון וויים דארט פון שטילקייט פון נאכט?
צי ווייסט נישט, ווער ס'קומט דארט פון נאכט הינטער וועגען,
צי ווייסט נישט, ווער ס'קומט דארט פון סטעפ און פון ווייט?...
— דאס פאהרט דאך דער אלטער, דער וועלט-גראהער עני,
פערשלאפען פון דורות, פערשמאכט אין דער נאכט,
פערשלאפען פון יאהרען, געהויקערט, פערשטויבט
אין פוהרעל-אין וועגעל פון פעלדער אין פעלד,
מיט נאכט און מיט פערדעל פון סטעפעס אין סטעפ,
פון הימעל-ווייט קומט ער און פאהרט דא נאר דורך,
צו הימעל-נאכט צווייטען, וואס רוהט דארט בערוהט
פאר סביבות שוין נייע — אין נאכט איבער נאכט
און שלעפט זיך און שלעפט זיך מיט פוהרעל און פערד
פערשטויבט און פערשלאפען אין נאכט איבער נאכט...

הער, נאכט, הער, דו נאכט, הער, דו שר פון דער נאכט,
שטעה נאר אויף, געה ארויס, הער זיך איין אין דער נאכט: —
צי הערסט נישט א שארכען
א דראפען זיך דארטען
העט-ווייט אין דיין ווייטקייט ביי בערג-האריזאנטען,
אין שטילקייט, אין הויכקייט אויף בערג אונטער הימעל —
א בריאה-א חידה מיט אויגען און אטעם,
וואס דראפעט זיך שטיל דארט פאמעליך און קלעטערט,
ווי גנבה'ש און בארפיס פון שטיין-טרעפ אויף שטיין-טרעפ,



ארויף-צו, ארויף-צו, אלץ העכער און העכער
און גרינגער און שטילער — קומט-צו צו א בארג-מיט
און שטעלט זיך און האלט זיך און קוקען נעמט קוקען
פון הויכען אראפ דארט מיט אויגען מיט ווייטע,
מיט בערגישע לופטיג, מיט קרעפטיגע, פרישע,
מיט דארטיגע שארפע ארום זיך, ארום זיך, —
צי ווייסט נישט, ווער איז זי, די בריאה פון אויבען,
די בערגישע שטייפע, די חידה מיט אויגען?...

הער, נאכט, הער, דו נאכט, הער, דו שר פון דער נאכט,
שטעה נאר אויף, געה ארויס, הער זיך איין אין דער נאכט: —
— צי הערסט נישט אין נאכט איצט,
אין גראז-ראסע פעלדער,
ווי צו כשר'ע קוואלען אונטער שלאפענדע הימלען,
ווי צו טעכער צו קדושים צווישען ברעגען פון וועלדער,
שטיל לאזען אראפ זיך דארט בתולות צום וואסער
אין שורות אין שטילע און איינע נאך איינער
מיט האר אויף די אקסעל, נאר לייבער און גרינגע,
פערשעמט-שטיל און נאקעט נאך כשר'ע יונגע,
מיט יונגע און פרישע און צאפלענדע ברוסטען, —
נידערען, געהען אראפ דארט צום וואסער,
ווי אינדען, ווי שטילע און איינע נאך איינער
צו ברעג-צו און נידער מיט לייבליבען ציטער —
זיי געהען צום ערשטען צו הייליגער טבילה...
צי הערסט נישט דעם ציטער פון ווייב-לייב אין וואסער,
דאס פליוסקען דאס שטילע פון לויטערע טעכער,
דאס וועלען פון ברעגען, פון צניעות'דע ברעגען,
ביי נאכטישע, קיהלע, ביי טהרה פון קוואלען —
ביי כשר'ער טבילה פון לייב לשם-יחוד?...
צי זעהסט נישט אין הימלען,

אין שלאָפֿנדע שטילע,
ווי ס'קוקען אַראָפּ שוין נשמות פֿון אויבען
בײַ שטערענדלעך הויכע, בײַ שטערענדלעך ווײַטע
צו לאָזען אַהער זיך צו וואַסער, צו קוואַלען
דורך לויב און דורך לײַבער, דור זאָמען פֿון לײַבער,
אין גופֿים־געשטאַלטען צו טאַטע און מאַמע,
אין לײַביגע פֿאָרמען צו גאָט און צו חידה, —
זײַ שטעהען פֿון אויבען בײַ שטערען און וואַרטען,
די קלײנינקע גרײַטע אויף יענער, אויף רגע,
אויף לײַבער, אויף טהרה, אויף לײַבער און שאַפֿען,
אויף לויב דאָרט אין וואַסער — אַראָפּ זיך צו לאָזען...

הער, נאַכט, הער, דו נאַכט, הער, דו שר פֿון דער נאַכט,
שטעה נאָר אויף, געה אַרויס, קוק זיך־צו צו דער נאַכט: —
צי זעהסט ניִשט אויף סטעפּ דאָרט,

אויף ־עק־סטעפּ אין ווײַטקײַט,
אויף די שוועלען פֿון נאַכט, אויף די שטילסטע עק־הימלען,
דאָרט טראַכט זיך אַ רעיון אַ בלאַסער־פֿערנומען,
ווײַט קלערט אַ מחשבה אַ פֿרישע און קלערט זיך
בײַ דר'ערד און אַ ווײַטע פֿון דיר און פֿון דאַנען,
אַלײן און בעזונדער אין ווײַט־פֿעלד אין אויסנאַהם,
פֿאַר פֿעלד און פֿאַר ראָד־פֿעלד, פֿאַר נאַכט און אַרום נאַכט,
ווי שטילעס און דאָרטיגס און דאָ ניִשט געדאַכטעס,
פֿון ווײַטס און פֿון קײנמאָל דאָ גאָרניִשט געוועזענס,
אַ נײַס און אַ בלאַסעס, אָט־ערשט אַ געבוירענס,
מיט טאָג און מיט טעגליכ'ס, פֿון מאָרגען געבענשטעס,
צום אויפֿגעהן אַהער און צו הײַנט און צו טאָג שוין?...
צי זעהסטו ניִשט, נאַכט,

ווי אַ פֿריה'ס דאָרט פֿערנעמט זיך,
אַ ליכטיג'ס, אַ העל'ס און אַ שטיל'ס און פֿערזיכערט'ס,



אַ פֿרעמד'ס נור בעגלויבט'ס דאָרט אין זיך און אַרום זיך,
אין שטײַגען פֿון טאָג און אַרום־דעם־סטעפּ טאָגען?...
צי זעהסט ניִשט, ווי סטעפּעס

און סביבות פֿערגאַפֿטע,
ווי וועלדער און פֿעלדער און בלאַס־האָריזאָנטען
אויף די הויכע בערג, אויף די שפּיצען פֿון בײמער
שטעהען פֿאַרטאָגיג שוין בלאַסע און קוקען
מיט עהרע אַהינצו צו שײַן און זײ וואַרטען
פֿון בערג און פֿון בײמער, פֿון דאָרט אַ ידיעה,
פֿון ווײַטען, פֿון יענעם אין הימעל, וואָס טוט זיך,
וואָס קומט אויף און מעהרט זיך און נײַ ווערט געבוירען?...
צי זעהסטו ניִשט, נאַכט

ווי אַ טאָג־קינד וואַכט אויף דאָרט
אין הימעל, אין שוים דאָרט, אין נאַכטישער בלאַסער,
און מעהרט זיך, געביערט זיך, פֿון זיך און צעוואַקסט זיך
אין הימעל פֿאַר טאָג און פֿאַר ראָסע־פֿעלד בלאַסען,
פֿאַר וועלדער אַרום און פֿאַר בײמער פֿון וועלדער,
פֿאַר סטעפּ אין דער מיט און פֿאַר גאַרטעל־סטעפּ גרויסען?...
צי זעהסטו ניִשט, נאַכט,

ווי דאָס טאָג־קינד שוין וואַך איז,
עס ריִרט זיך נאָך שטיל זיך, אַלײן נאָר דערווײַל זיך
אָהן מוטער, אָהן ברוסט און מיט אויגלעך שוין אָפֿען,
מיט קינדערשע רײנע, וואָס קוקען און קוקען
אין ליכט, אין פֿריהמאָרגען, פֿערקלערטע, פֿערטראַכטע. —
עס קוקט זיך, נאָר שטיל זיך אויף שײַן און עס שפּיעלט זיך
און רעדט זיך און שפּרעכט זיך, מיט'ן טאָגלעך און שפּרעכט זיך
מיט קינדערשען דבור, מיט שײַן זיך און פֿאַר זיך,
און באַלד — און, עס דאַכט זיך, אָט וועט דאָס אַ לאַך טון,
ווײַל באַלד וועט דעם קינד זיך אַזוינס זיך בעווײַזען,
ווײַל באַלד וועט דאָס קינד דאָרט דערזעהען אַזעלכעס,

וואָס קינדער אַליין נאָר פֿאַרמאָג קאָנען זעהען
און נעמען מיט העטלעך דעם צאַפּלען אַנטקעגען,
מיט פֿרייד און מיט גיבקייט, מיט הערצלעך און העטלעך,
אָט תּיכּף, אָט תּיכּף... אָט איז דאָס, אָט האַפּט עס...
אָט טוט דאָס אַ שמייכעל און... רופֿט אָן טאָג'ס נאָמען...

אַזוי געהט דער בורא אין נאַכט דאָרט אויף סטעפּ אום,
פֿון איין סטעפּ צום צווייטען, פֿון וועגען אויף וועג,
און רופֿט דאָרט און פֿרעגט דאָרט און וועקט דאָרט די נאַכט:
ציִ הערסט ניִשט, ציִ זעהסט ניִשט, דו שר פֿון דער נאַכט?
נאָר קיינער איהר ענטפֿערט, עס ברומט נאָר דער שר,
ברוגז, ברוגז, פֿערשלאָפֿען אין נאַכט:
לאָז שלאָפֿען... לאָז שלאָפֿען — עס ווייסט ניִשט דער שר,
לאָז רוהען... לאָז רוהען — עס הערט ניִשט דער שר...
עס דאַכט זיך דיר, בורא... חלומות... חלומות...

III

און לאַנג זיינען וועגען און שטיל זיינען נעכט.
און אַליין איז דער בורא און איינער אין זיי,
אין זיי בלאָנדזעט אום-שוין שוין דורות, שוין יאָהרען:
עס לאָזט איהם ניִשט רוהען, עס פֿיהרט איהם די נאַכט
און ציהט איהם און וויַזט איהם אויף וועג און אויף פֿעלד,
אין פֿעלדער אויף וועגען, אַלץ וויַטער אויף פֿעלד,
שוין דורות, שוין דורות, שוין לאַנג-לאַנגע יאָהרען.

אַמאָל שטעלט דער בורא אויף וועג זיך אין מיטען
פֿאַר פֿעלד פֿאַר'ן גרויסען, פֿאַר פֿעלד פֿאַר'ן ברייטען,
און קוקען נעמט קוקען, אַרום-צו זיך קוקען
אויף נאַכט און אויף נאַכט-ראָד, אויף הימעל פֿערשפּרייטען.

נע ונד.



און לאַנג שטעהט דער בורא אין שטילען און קוקט דאָרט
אַרום זיך, אַליין זיך פֿון פֿעלד פֿונ'ם מיטען, —
אַ תּפֿלה אַ שטילע, אַ נאַכטישע תּפֿלה
פֿון ראָד-פֿעלד נעמט אויפֿגעהן, צום מיט-פֿעלד צו טרעטען.

און שטיל שטעהט דער בורא... און פּלוצים לאָזט אָפּ זיך,
אויף קניִעס אַראָפּ זיך, אויף ערדען, אויף שטילע,
מיט קערפּער, מיט פּנים — און הויבט אָן צו זאָגען
פֿאַר ערד און פֿאַר מזל אַזוי דאַן מיט תּפֿלה:

— איהר ערדען, איהר ערדען, איהר ליעב-מיינע ערדען,
פֿון נעכט און מזלות מיט בורא אין מיטען, —
פֿאַר אייך און פֿאַר וועגען, פֿאַר נאַכטישע וועגען
ווער פֿאַר מיר, ווער פֿאַר מיר אָט דאָ האָט געליטען?

וואו איז ער, ווער איז ער, מיין ברודער אין עלענד,
ער איינער, אויך איינער די נעכט האָט געטראָגען,
די נעכט האָט אין לעבען און איינער אין לעבען
פֿאַר נעכט און פֿאַר מזל פֿון מזל געשלאָגען.

וואו איז ער, שוין איז ער, איצט ברודער פֿון עלענד
אויף וועלט דאָרט אין וויַטען, ווי וויַט שוין פֿערגאַנגען, —
אויף ערד און אויף וועגען, אויף הייליגע וועגען,
וואו וועט איהם מיין תּפֿלה אין נאַכט דאָרט דערלאַנגען?...

הער, ברודער, נאַכט-ברודער... אויב זעהן וועסט מיין מזל
אויף וועלט אונטער שטערען, וואָס וועסטו דעם זאָגען? —
— אַז איך בין געפֿאַלען, אויף משא געפֿאַלען,
אויף וועלט און אויף ערדען... שוין מיעד בין צו טראָגען...
— — — — — — — — — — — — —



דער נסתר.

... כ'האָב יאָהרען אויף וועג און אין נעכט זיך געגרייט זיך,
כ'האָב לאַנג מיין געבעט און מיין וועלט מיר געהייליגט,
בײַ שוועל פון געצעלט און אויף דר'ערד בין געליגען,
אין שעה'ן אין נעכט און מיט פנים צו דר'ערד זיך,
געקניעט און געקלערט און מיט דיר נאָר פערנומען,
מיט דיר נאָר, אַליין נאָר, מיין הייליגעס מזל...
— און בעזועצט האָב דיך הויך

אין די הויכסטע דאַן הימלען,
און בעזועצט האָב דיך שטיל אין די ווייטסטע ביינאַכטען,
און אויף טוויזענטער מיילען האָב איך זיך געהאַלטען,
אויף אייביגע שטרעקעס מיין וועג פון דיר ווייט...
— און אין שטילע ביינאַכטען,

ווען שטיל איז די וועלט דאַן,
ווען זי שטעהט און בעטראַכט דאַן איהר רוה און איהר גורל,
איהר זין און איהר רוה־זין, איהר שוויַיגען און וויסען,
דעם סוד פון דער נאַכט און פון נאַכט־אַרום וויסען,
וואָס איהר נאָר פערטרויעט פון נאַכט איז אויף נאַכט איז
דורך הימעל פון אויבען, דורך שטערען אין נאַכט...
— און אין ווייטע ביינאַכטען,

ווען ווייט איז די וועלט דאַן
און ווייט דאַן איהר טראַכטען, פערגאַנגען אין ווייטקייט
אויף אינזלען, אויף ימים, אויף ברוינזענדע ימים,
אויף אומרוה פון חוואַליעס, אויף נאַכטישע ימים,
אויף גאָר־דער־נאַכט וואַסער און גאָט'ס קול אויף וואַסער,
אויף רוישענדער וואַסער, וואו גאָט שאַפט אויף וואַסער...
— ווען ווייט איז איהר טראַכטען,

פערגאַנגען אויף מיילען,
אויף מיילען פון ערדען, אויף ערדישע מיילען,
דאָרט זעהט איצט, בעגלייט איצט מיט אויגען אַ געהער
אויף עק דאָרט אויף סטעזשקע אַליין נאָר מיט שטעקען,



אין סטעפּ־העט, אין ווייטקייט, אַליין אין גאָט'ס רחבות,
העט־העט אונטער הימעל אַ געהער מיט שטעקען,
אַ געהער מיט טאָרבע, מיט גאָט אויף די פּלייצעס...
— ווען שטיל איז איהר טראַכטען

און אויף ווייט־ווייטע מיילען
דאָרט קוקט זיך אין ווייטען אין שטילען און טראַכט זיך
פון איינעם אַ קדוש, אַ גרייז־גראָהען זקן,
וואָס שטעהט אין אַ הייל איצט ביינאַכט אין דעם מדבר,
אַליין פאַר'ן לעמפּעל, פאַר גאָט אויף די קניעס
און קניעט דאָרט און בעט דאָרט פאַר היילען, פאַר וועלטען,
פאַר קדושים וטהורים — דעם זין פון די וועלטען,
פאַר הייליגע גרייזע -- כפרות פאַר זינדען,
פאַר יענע, פאַר אַלטע, פאַר ערשטע די זינדען,
פאַר גאָט און זיין שולד און זיין חטא פון קדמונים,
פאַר איהם און זיין שולד פון זיין שאַפען די וועלטען,
פאַר איהם און זיין זינד פון זיין ליעבען די וועלטען,
פאַר איהם און פאַר קיום און פאַר קומענדער גאולה, —

אָט אין די נעכט,
אָט אין די נעכט, דו, מיין הייליגער מזל,
מיט קדושה און שטיל און מיט דיינע געבעטען,
מיט פנים צו דר'ערד און מיט פנים געבעטען,
מיט לייב און געביין אויף דער ערד און תחנונים,
געקניעט האָב אַליין אין אַ ווינקעל אַ שטילען
פאַר דיר און דיין נאַכט און די שטיל־דיינע מיילען
און שטיל דיך

גערופען, גערופען, גערופען...
— — — — — — — — — — — — —

פֿון דער נאַכט אין פֿעלד,
פֿונ'ם עק פֿון פֿעלד
ווײַז אַרויס זיך מיר,
דו מײַן מזל־קינד;
קום אַרויס צו מיר,
כ'בין אַ פֿאָטער דיר —
רוף אַרויס איך דיך,
רוף אַרויס אַצינד.

האָב קיין מורא נישט,
האָב קיין מורא נישט:
איך בין איינער דאָ,
כ'בין אין פֿעלד אַליין;
און איך נעכטיג דאָ,
בין מתפּלל דאָ
פֿאַר'ן לייגען זיך,
פֿאַר'ן שלאָפֿן געהן.

קום אַרויס צו מיר,
ווײַז אַרויס זיך מיר,
רוף זיך אָפּ פֿון ווײַט
אויפֿ'ן קול אויף מײַן, —
דו מײַן ליבעס קינד,
דו מײַן מזל־קינד,
לאָ'מיר ביידע דאָ,
דאָ מתפּלל זײַן.

פֿאַר לבנה־נאַכט,
פֿאַר דעם פֿעלד אין נאַכט
און פֿאַר וועלדער דאָרט,

ראָד אין ראָד אַרום, —
וואָס אין נאַכט, אין ליכט,
בלאַסער, בלאַסער ליכט
רוהען, שווײַגען דאָרט,
שווײַגען ווײַט און שטום.

לויף פֿון וואַלד אַרויס,
לויף צו פֿעלד צו מיט,
און אין מיטען פּונקט —
ליכט, לבנה־שײַן;
כ'שטעה אין עגול דאָ,
כ'שטעה אין מיטען דאָ,
שטעל צו מיר זיך צו,
קום צו מיר אַרײַן.

כ'קניע אין מיטען דאָ,
כ'שפּרעך אין מיטען דאָ,
אויף לבנה דאָרט
אויג־אויף־אויג מיט איהר, —
כ'זאָג לבנה שטיל,
כ'ווײַז דיך אָן איהר שטיל,
כ'זאָג לבנה דאָרט:
זי איז אַ מאַמע דיר.

און איך שטעה אין מיט,
שפּרעך און שפּרעך אין מיט —
לבנה, ליכט אין פֿעלד
אין דער האַלבער נאַכט.
ס'הערט אין וואַלד זיך ווײַט,
ס'הערט אַ קול זיך ווײַט:



ס'לצט שוין ליץ אין וואַלד,
ליץ און חוזק לאַכט...

גיך־זשע, גיך־זשע, קינד,
גיכער, גיך געשווינד —
לויף אַהער צו מיר,
לויף אַרויס פֿון וואַלד, —
ס'איז דאָך האַלבע נאַכט
און לבנה־נאַכט,
און פֿון אונטער־גרוב
קומען שדים באַלד.

לאָ'מיר שדים, קינד,
לאָ'מיר לאָזען, קינד,
אין דער טונקעל דאָרט
און דעם וואַלד פֿאַר זיי, —
און דאָס פֿעלד פֿאַר אונז
און דאָס ליכט פֿאַר אונז —
קום אַרויס אַהער,
קום אַרויס און זעה:

— מיר צעפּלעכטען האָר
פֿאַר לבנה־קלאָר,
און די אויגען אויף
הויבען קעגען איהר, —
און מיר הויבען אָן,
שטילע, ביידע אָן
אין לבנה־נאַכט
אַ לבנה־שיר:
— — — — — — —

— ווער געהט אויף דאָרט,
ווער געהט אויף דאָרט
פֿון דעם מדבר,
פֿון עק הימעל —
אינ'ם לויכטען,
אין ביינאַכטען,
אינ'ם שײַנען
דאָרט פֿון ווײַט?...
אויף, אויף הימעל,
שטיל, אין דרימעל,
און מיט אויגען,
ברעמען־בויגען,
וואַך און אָפֿען
און פֿערשלאָפֿען, —
ווער געהט אויף דאָרט
שטיל און ווײַט?...

ווער געהט אויף דאָרט,
ווער געהט אויף דאָרט
און מיט ווײַסען
און מיט בלאַסען,
און פֿון ווײַטען
און פֿון שטילען
און פֿער'כּשופֿ'ט,
ווי אַהן ווילען,
דאָרט מיט בלאַסע,
בלאַסע שטראַלען
און פֿון ווײַטע
מדבר־מײַלען, —
ווער געהט אויף דאָרט

אין דער נאַכט?...
— — — — — —

זעכציק יונגע
און גבורים
האָט אַרויסגעשיקט
דער מלך
נאָך אַמאָל,
אַמאָל פאַרצײַטען;
זעכציק יונגע,
יונגע ריזען,
און מיט פאַנצערס,
און מיט שפּיזען
און מיט שווערדען
אויף די זײַטען:

— „געהט אַרויס,
„איהר יונג־גבורים,
„איהר חברים
„מײַנע טרײַע, —
„אויף די פעלדער
„אויף די פרײַע,
„אויף די בערג
„אַהין בײַנאַכט;

— „זעהט די קרוין,
„וואָס איז
„פערגרײַט שוין
„און דאָס חופּה־בעט
„געבעט שוין,
„וואָס צו מלך

„ליעבע מוטער,
„ליעבע מוטער
„האָט געמאַכט;

— „זעהט, פערגרײַט
„געווען איז אַלעס
„און צו פרײַד
„פון אונזער כלה׳ס —
„חופּה שוין
„מיט שטאַנגען, —
„האָט דער שטן
„נישט פערגינען
„און מיט האָנען־קרעה,
„בעגינען
„פון דעם טאָג
„פון אונזער חופּה
„פלוצים כלה
„אונז געפאַנגען...

„און דער אַשמדאַי
„ער טראָגט זיך,
„און מיט ווינט אין פעלד
„ער יאָגט זיך —
„שוועסטער־כלה
„צו פערשווענען, —
„גיכער, גיך־זשע, —
„יונגע ריזען,
„און מיט פאַנצערס
„און מיט שפּיזען,
„גיכער, גיך דאָרט



„און געפלויגען
„און מיט פײַלען
„און מיט בויגען —
„אפשר וועט איהר
„איהם דערגרײַכען...
— — — — — —

און...
אין לבנה־ראָד אין ווײַסער,
אין לבנה־ראָד אין בלאַסער
זיצען אַלטע,
זיעבען קאַלטע
מכשפות,
און זײַ שפּינען...
און זײַ שפּינען,
און זײַ וואַכען
און דערצעהלען זיך
און לאַכען:
„אי, דער שטן,
„אי, דער שטן
„איז מיט כלה
„שוין אַנטרינען...

און זײַ פרעהען זיך
און ווײַלען
און זײַ שפּינען
דאָרט און אײַלען
לבנה׳דיג און פרעהליך, —
אַ פערבלענדזעניש
פאַר אויגען

און פאַר פײַלען
פון דעם בויגען,
פאַר די יונגען
פון דעם מלך...

און...
אין לבנה־ראָד אין ווײַסער,
אין לבנה־ראָד אין בלאַסער
זיצען אַלטע,
זיעבען קאַלטע
מכשפות,
און זײַ שפּינען...
און זײַ שמועסען דאָרט
און וואַכען,
און זײַ פרעהען זיך
און לאַכען:
„חי, דו מלך,
„חי־חי, מלך,
וועסט שוין כלה ניט געפינען.
— — — — —

שײַנט לבנה,
בלאַס־לבנה,
געהט אין חלום
אום פערטראַכט;
קוקט לבנה,
זוכט לבנה
איהר געליעבטען
בײַ דער נאַכט.

מאַכט לבנה,
בלאַס־לבנה,
פעלדער שײַנען,
פעלדער־װערק;
שפּרעכט לבנה,
סוד־לבנה,
אויף די װײַטע,
הויכע בערג...

געהט לבנה,
זוכט לבנה
אויף די פעלדער
נאַכט אויף נאַכט...
פון לבנה,
פון לבנה
אין דעם װעלדעל
שד דאָרט לאַכט...
„אי, לבנה,
„אי, לבנה,
„װאָס װעט זײַן
„פון שײַן און װערק?
— כ'װײס ניט גאָרנישט,
כ'װײס ניט גאָרנישט...
נאָר איך כּשוף
אויף די בערג...
— — — — — —

דאָס איז, קינד, דאָס ליעד,
ס'איז לבנה־ליעד
פון דײַן טאַטען־ליעב
פון דעם טאַטען דײַן;

איצטער געה אַװעק,
געה אויף לאַנג אַװעק —
ס'איז דער װעג אַלײן
און דער װעג איז מײַן.

הער־זשע אוים מיך, קינד,
דו מײַן נאַכטעם־קינד:
געה אַרוים אַהער
אַלע, אַלע נאַכט, —
הויב די אויגען אויף,
צו לבנה אויף,
פרעג, װאָס טאַטע טוט
איצט אין װײַטער נאַכט.

איך װעל אויך אַזוי,
אין דער נאַכט אַזוי —
דיך דערמאָנען, קינד,
אין מײַן תּפילה דאָרט;
אַלע נאַכט אַלײן
פאַר'ן שלאָפען געהן
דיך אויף יעדען װעג,
דיך אויף יעדען אָרט.

איך װעל אויך אַזוי,
אין דער װײַט אַזוי, —
הער־זשע אוים מיך, קינד,
טו אַזוי־זשע, טו;
איצט איז האַלבע נאַכט,
דיר אַ גוטע נאַכט,
געה אין װאַלד אַרײַן,
געה אין דײַנער רוה...




IV

און לאַנג איז דער בורא אין עלענד געגאַנגען,
אין נעכט און אין פעלדער פערטראַכט און פעראומערט,
דעם קאָפּ אין מחשבה, אין אומעט פערלוירען,
די אויגען אויף דר'ערד און אויף װעג אָפּגעלאָזען —
געגאַנגען, געגאַנגען און קײנמאָל געשטעלט זיך...

אַמאָל נאָר, אַמאָל נאָר, —
װען אַמאָל פלעג אַ װינט זיך פון ערגיץ צעבלאָזען,
װען אַמאָל פלעג אַ װינט נאָר אין סטעפּ אַרײַן קומען,
בײַ עק דאָרט דעם סטעפּ־װײַט פלעג אָנהויבען דרעהען
די ערד בײַ עק־הימעל און אַרום דאָרט פערשטויבען,
פערגראָהען, פערמישען און פון דאָרטען זיך נעמען
אויף מיט שוין אויף פרײַער און אויף זײַטען זיך לאָזען...
און װען פינסטער־פערשטויבט האָט דער װינט שוין די זײַטען,
דעם הימעל פערפּראָשעט, די שטערען פערלאָשען,
די װינקלען אין ראָד אין דער פינסטער פערגרײַט דאָרט,
װי יעדען אַרום אין דער פינסטער פערזאָרגט שוין,
בעקוקט און פערזאָרגט און בעװארענט שוין אַלעם; —
װען אין סטעפּ שוין אין מיט פלעג דער װינט דאַמאָלס קומען
און בעגעגענען פלעג ער דעם בורא אין מיטען
אין געהען, אין שפּאַנען, אין נאַכט דאַן, פערטראַכט דאַן,
אין מיטען פון געהען און גאָרנישט ניט זעהען
פון לאַנגער מחשבה, אָהן אויפהער מחשבה, --
אַ קום טון פלעג װינט דאַן

דעם בורא אַנטקעגען,

אַ בלאָז טון איהם פלוציִם אין אויגען, אין פּנים
מיט אָטעם, מיט פרישען זײַן קערפער פערהאַפּען,
פון גאַנג איהם דערװעקען, פון טראַכטען פון לאַנגען,
פון שלעפּען אַזוי זיך איהם אויפװעקען פלוציִם

און אין סטעפּ אין דער מיט איהם מיט איינמאָל אַ שטעל טון...
אַרומקוקען פֿלעג זיך דער בורא פֿערוואונדערט:
ווי פֿינסטער דער סטעפּ איז, ווי פֿינסטער אַרום איז,
קיין וואָלקען, קיין מראה אין הימעל געבליבען,
קיין וועג און קיין סטעזשקע, קיין ערד פֿאַר די אויגען,
קיין שטערען, קיין שיין ניט — קיין טריט נישט צו מאַכען...
און ווינטען דאַן קיהלע

פֿון הינטען, פֿון ערגיץ,
גענומען האָט ציהען פֿון ערד און פֿון וויַטען,
גענומען האָט בלאָזען אין לופֿט און אויף בורא,
פֿון קלייד זיינע פֿאָלעס גענומען האָט טראָגען,
צו בלאָזען, צו פֿאָכען אויף סטעפּ און אויף זייַטען,
אויף פֿליגעל פֿון ווינט און אין חשך אין מיטען...
דאַן איינבויגען פֿלעג זיך דער בורא צו דר׳ערד זיך,
געבויגען, געבויגען, ווי קריכען און אומגעהן
פֿאַמעליך, פֿאַמעליך מיט הענט, ווי צו זוכען,
מיט הענט זיך צו פּרובען געפֿינען האָטש עפּיס —
אַ שטיין זיך צו זעצען דעם ווינט איבערוואַרטען,
אַ גרוב צי אַ גראָבען פֿאַר ווינט זיך בעשיצען,
אַ בוים צי אַ ביימעל זיך אָנשפּאַרען דאָרטען —
און קיינמאָל דאָרט גאָרניט אין נאַכט נישט געפֿינען...
אַמאָל נאָר, אַמאָל נאָר,

נאָר זעלטען, נאָר זעלטען —
דערהערען פֿלעג בורא דעם ווינט דאַמאָלס ברענגען,
פֿערנעמען פֿלעג עפּיס פֿון פֿינסטערער שטרעקע
אַ רוישען אַ וויַטען פֿון ווינט און פֿון שטויבען,
אַ רוישען אַ וויַטען אין חשך אין גרויסען,
אַ רוישען פֿון ווינט און פֿון ביימעל און בלעטער...
דאַן צוהערען לאַנג זיך צום ווינט פֿלעג דער בורא
און לאָזען זיך פֿלעג זיך נאָך ווינט דאַמאָלס נאָכגעהן,



פֿאַמעליך און זוכען און פֿאָרזיכטיג זוכען
דאָס אָרט, וואָס פֿון דאָרטען דער ווינט האָט געטראָגען,
געבראַכט האָט צוטראָגען דאָס רוישען פֿון וויַטען.
און דערזעהן פֿלעג דער בורא,

און טרעפֿען פֿלעג דאַמאָלס:
אַ ביימעל אַן׳עלענד׳ס אין סטעפּ איז געשטאַנען,
אַ בוים אַ נשמה אויף ווינט אין דער מיטען,
אויף ערד און אויף הפקר אַ מאַמע אַ וויסטע
צו צוויַגען צו דאַרע, צו בלעטעלעך קליינע...
געיאָגט האָט דער ווינט זיך אויף בוים אויף נשמה,
געריסען האָט ווינט איהם פֿון ערד און פֿון וואָרצעל,
גע׳עקשנ׳ט, געבויגען, זיין קאָפּ איהם געבויגען,
אויף סטעפּ און אויף שטורם געטריבען, געטריבען,
געבויגען, געריסען, קיין רוה איהם געגעבען...

דאַן אונטערגעהן פֿלעג אויך דער בורא צום ביימעל,
אַוועקשטעלען פֿלעג זיך צו דעם אונטער רוישען,
אַרומנעמען פֿלעג עס מיט האַנט און מיט אַקסעל,
דעם בייַשטעהן, זיך האַלטען מיט דעם זיך אינאיינעם
אַנ׳אַקסעל ביי אַקסעל אין סטעפּ און אין שטורם,
אַזוי דערויף קוקען און אַזוי צו דעם זאָגען: —

— ניט שולדיג איז, ביימעל, דער ווינט, וואָס ער יאָגט דיך,
וואָס רייַסט דיך און בויגט דיך צו דר׳ערד און צו נאַכט:
אויך ער איז פֿערשאָלטען — ס׳האָט האַר זיך בעהאַלטען,
זיין טיר האָט פֿערשלאָסען, זיין טויער פֿערמאַכט.

און פֿעלד איז פֿערמאַכט איהם... און אַלע מאָל דאַכט איהם,
דערשמעקט האָט די שפּורען פֿון פּיס פֿון זיין האַר,
דאַן פֿליהט ער און יאָגט זיך, דאַן וואויעט ער, קלאָגט זיך
אויף סטעפּעס מיט קולות, מיט ווינטישען צער.

און וועה איז דיר, ביימעל, און וועה איז דעם ווינט אויך,
אהן הילף און אהן היימען פער׳חשב׳ט זענט גליך; —
אויך איך בין אין נאכט דא פערבלאנדזעט, פערמאכט דא
אהן וועג און אהן שטערען... מיר וועה איז מיט אייך...

V

... און געטראכט האט זיך בורא:
— צו קומען לסוף צו דעם בארג, וואס אין מזרח,
וואס אויסדערוועהלט שטעהט אין די נעכט און פון צייטען,
שוין לאנג אין די נעכט און ער ווארט פון קדמונים
מיט נאכטיש־געדולד און מיט הויכען בטחון,
פערזיכערט און פעסט און מיט קאפ אין אמונה
איבער קעפ פון די בערג אין די נעכט איבער שטרעקעס
און בארגיש קוקט אויס, און געדולדיג אויף עקען
אין נאכט דארט און ווארט דארט אויף אלטער הבטחה,
אויף די פים פון דעם בורא, די וויטע פון וועגען,
אויף פים פון דעם בורא, וואס לסוף וועלען קומען,
וואס הייליגע טרעטען — זיי מוזען דאך קומען,
וואס שטילע זיי טרעטען און נעהענטער־נאהענט
און פיהרען אהערצו צו בארג צו דעם בורא
פון דארטען צו איהם און ביי איהם שוין צופיסענס
און שטיל, נישט בעמערקט, און דערנאך עטוואס העכער
און וויטער ארויף — און ארויף דארט צו מיט איהם
דורך סטעזשקע ארום — שוין צום קאפ פון דערוועהלטען...
און געטראכט האט זיך בורא:
— מיט שיר און געזאנג וועט דאן אנקומען בורא,
מיט לויב און מיט ליעד וועט דאן אויפגעהן אהינצו
ארויף אין דער הויך, אין דער שטיל איהם פון אויבען —
עס שטעלט זיך און קוקט זיך דער בורא פון אויבען...
אט ליעגען דארט הינטען



אין טיעפקייט די טאלען,
אין טיעפקייט פאר אויג, אונטער הימלען פארטאגען,
אין בלאסקייט דארט וועגען אין מאסען זיך וויזען
געדרעהט און געפלאנטערט מיט סטעזשקעס און שטעגלעך,
געדרעהט און פערשטויבטע פאר בארג און פאר בורא;
זיי קומען ארויס דארט פון נאכט דארט פערשמאכט דארט
פון הימעל פון בלאסען, פון זייטען פון אלע,
ארום און ארום און זיי הויבען די קעפ אויף
און הויבען אן טענה׳ען אזוי דאן צום בורא:
מיר האבען געפיהרט דיך,

דו איינציגער געהער,
געדענקסטו אין נעכט און דיך איינעם מיט שטעקען,
געדענקסטו, ווי וויים און אליין אונטער הימעל
פון פעלד דיך אין פעלד און פון איין־וועג אין אויס־וועג,
געשטעלט און בעטראכט זיך, בעקלערט זיך ביי שייד־וועג,
ביי אויסקלויבען רעכטע און שלעכטע פערמיידען,
צו אויסמיידען יענע סמנים געגעבען
דיך איבערגעגעבען פון איינע געטרייע
צו צווייטע דיך היטען, דיך פארזיכטיג היטען
אין פעלד דיך, אין נאכט דיך —, און לסוף דאך געבראכט דיך
אהערצו צו בארג און אויף קאפ איהם פון אויבען
פארטאג אין דער הויך און פאר אלע דא העכער, —
דערזעה־זשע איצט, בורא, אונז אונטען די וועגען,
דערמאן אויך, פערגעס נישט אויך יענע, די וויטע,
וואס האבען געפיהרט דיך און הינטען געבליבען
און זעהען נישט איצט דיך ביי אויפגעהן און גדולה,
נאר וויטע, נאר ערגיץ בעגלויבטע און שטילע,
זיי ליגען איצט ערגיץ פערלאזען אהן חסדים,
געדענק־זשע זיי, בורא, די כשר׳ע חסדים,
און בעט פאר זיי, בעט דארט, דו הייליגער בורא,

און קניִעֶ פאַר זײַ הויך דאָרט פאַר טאָג און פאַר תּפֿלה,
פאַר באַרג און פריִהמאָרגען, פאַר גאָר־דער־וועלט מאָרגען,
אויף באַרג און דײַן אויפגעהן, פאַר אַלעמענס אויפגעהן,
פאַר ווײַטע אויך יענע פֿערלאָזענע דאָרטען...
און עס קוקט דאָרט דער בורא

פון באַרג דאָן פון אויבען
און ווײַט דאָרט אין הויך און הויך־הויך אונטער הימעל,
ווי געהײליגט צום באַרג און געקרוינט דאָרט צום הימעל,
ווי געוועהלט פון אַרום און פון אַלע אין שליחות,
געשיקט אין דער הויך און פון ווײַט און פון טאָלען,
פון אַלע אַרום און אַרויף פון די וועגען —
עס קוקט דאָרט דער בורא פאַר טאָג און פאַר וועגען...

און עס ריִהרט זיך דער מזרח...

עס גרינט שוין דער מזרח..
ס׳פערנעמט ווי אַ טײַבעל אַ ליכטיגס אַרויסגעהן,
אַ שטילס און אַ ווײַטעס, אַ העלעס זיך ציִהען,
אַ ווײַסעס, אַ בלאַסעס נעמט קוועלען און קוועלען,
אַ בלאַס׳ס, ווי פער׳חלש׳טס אין הימעל זיך מעהרען
און מעהרער און פולער פון ברעגען אַרויסגעהן;
און עס רוקט זיך די נאַכט שוין אַרונטער, אַרונטער,
זי נידערט פון באַרג און פון הימעל פאַמעליך,
זי רוקט זיך צוריק־וויעג׳ס פערשעמטער, פערשעמטער,
אַראָפּ־צו צופיסענס פון ערד און פון דער זײַט
אַהינצו, צוריק — זי פון וואַנען געקומען;

און עס טאָגט שוין די ערד און די שטרעקעס פון ווײַטען,
עס קומען שוין וועגען אַרויס פון דער ליכטיג,
פון עקען אַלין ווײַטער ענטדעקען זיך מעהרער
און קומען אַרויס דאָרט פון הינטען פערשטויבטע,



ווי געהערס פון ווײַטען, פון נעבט און אין בלאַסען,
פערגראָהטע, פערנעפעלט פון ווײַטע פאַרטאָגען,
שוין מידע צופיסענס פון הינטער־וועג דאָרטען
צום טאָגלעך אַהער און פאַר באַרג און פאַר בורא...
עס שטעהט נאָך דער בורא,

עס קוקט נאָך דער בורא
אויף בלאַסען פאַרטאָג, וואָס ער זאַמט נאָך און זאַמט נאָך,
וואָס וואַרט נאָך אויף שטערען, וואָס קוים נאָך זײַ צאַנקען
אין הימלען אין מאַטע, נאָך שלאָפענדע הימלען,
אין הימלען פערשמאַכט, פאַרטאָגיגע אויבען,
וואָס ליגען נאָך הויכע פון נאַכט און פון שלאָפען
אין, דרימלענדיג, קוקען מיט אָפענע אויגען,
אָהן זינען אַרום זיך און שטיל תמ׳עוואַטע,
אַזוי נאָך פערשלאָפען, אויף ערד אַראָפּ הינטען,
זײַ קוקען און קוקען און זעהען נאָך גאָרנישט...
נאָר אָט געהט די זון אויף,

אָט הויבט זי אָן אויפגעהן
אַ יונגע, אַ הײסע צו פײַכטע נאָך הימלען,
צו בלאָהע, נאָך פריִהע פון נאַכט און פריִהמאָרגען,
צו וואָלקענס אין רוהע, צו טאָג־קיהלע אויבען,
נאָך פרישע, פערראָסעט פון נאַכט און פון גראָזען, —
אַ יונגע אַ רויטע פון ווײַט און פון היפעל,
פון הינטען, פון ווײַטען אַהערצו נעמט אויפגעהן
אַ הײסע, צעגליהטע אין פײַכקײַט צו קוועלען,
אַ דורשטיג־פערברענטע אין פײַכטקײַט זיך קויקלען,
צו ציטערען, קויקלען אַלין העכער און העכער
און אָטעמען פרישער, געלאָשען אין הימעל;
און אָט איז געקומען,

אָט איז זי, אָט איז זי:
פערגאַפט אויף דעם באַרג מיט איהר הײליגען פײַער,

פערגאפט אויף דעם בארג מיט איהר געטליכען שיינען,
מיט גינגאלד אויף בארג און דעם בורא אין פנים —
עס פאלט דאן דער בורא צום בארג צו מיט פנים: —
„רבונו של עולם, פאר מיר

און פאר וועגען...

„פאר מיר און פאר וועגען,

פאר נעכט און פאר טאגען,
„פאר פיס פון די בורא׳ס, וואס אייביג זיי טראגען
„פון נעכט די יתומים, די געהער׳ס פון עקען
„אין נעכט און אין לעבען, וואס בלאנדזשען און שרעקען
„די וועלדער, די סטעפעס ביינאכט און דערמאנען —
„א בורא, פערהוילען אויף וועלט איז פאראנען,
„א בורא פון אייביג און אייביג אין לעבען
„אויף נאכט און אויף געהען, אויף געהן נאר און שטרעבען
„אלץ ווייטער, אהן אויפהער און ציהען זיך, ציהען
צום אנהויב פון טאג און צו הימעל־שאריען, —
„פאר זיי, פאר די געהערס,

פאר וואגלערס פארטאגען
„וועל בעטען אצינד און אזוי וויל איך זאגען: —
„איהר וואגלער׳ס אהן סטעזשקעס, איהר שאף איהר צעשפרייטע,
„יתומים אהן היימען, פון לעבען פערוועהטע,
„איהר קינדער פון אומרוה, פון נעכט און פון בענקען,
פון אייביגען וואגלען, פון קלערען און דענקען,
פון אומגעהן און טראכטען פון אייביגען לעבען,
„פון אייביגען געהען, פון אייביגען שטרעבען, —
„איך שטעה איצט אויף בארג דא

פארפריה און פריהמארגען
„צו בעטען פאר אייך און פאר מיהען און זארגען,
„וואו איהר זאלט נישט זיין אין די נעכט, אין די עקען,
„וועל בעטען פאר אייך און פאר הענט און פאר שטעקען,



„פאר שטעהן און פאר געהן און פאר אויפשטעהן און לייגען—
„רבונו של עולם, זעה אייך און די וועגען...

VI

... און ווען זעהן פלעגען בורא אין געהן אין ביינאכטען,
אין פעלדער, אין סטעפעס די עקען פון הימעל
איהם איינעם, העט־קליין איהם, איהם געהן אין דער מיטען —
— שטיל איינס אויפ׳ן צווייטען דאן פלעגען זיי קוקען,
פערוואונדערט פון ווייטען אויף בורא מיט אויגען,
פערוואונדערט אין שוויגען און איינס אויפ׳ן צווייטען
און שטיל נאר מיט אויגען זיך חדוש׳ען, פרעגען:
ווער איז ער, דער איינער, ווער איז ער, וואס איז ער?
ווער קאן איהם, ווער ווייסט איהם, פון וואנען דארט קומט ער?
ווער קאן איהם, ווער ווייסט איהם, וואוהין געהט ער דורך עס?

שטיל נאכקוקען פלעגען אזוי דאן דעם בורא
אין ווייטקייט, אין שטילקייט די עקען פון הימעל,
שטיל יעדער בעזונדער פון אייגענער ווייטקייט
און יעדער בעזונדער מיט זיינעם מיט חדוש,
איהם נאכקוקען, ווארטען, מיט אויגען בעגלייטען,
אין שוויגען — זיין אפגעהן, זיין איבערגעהן דארטען
אליין דא צו בלייבען — דערנאך זיך דערפרעגען...

דאן ווייטער איז בורא אין נאכט זיך געגאנגען
פערטראכט און פערזאומערט, נאר ערד פאר די אויגען,
דעם קאפ און דעם רוקען צום וועג אנגעבויגען —
געגאנגען, געגאנגען און קיינמאל געשטעלט זיך.

נאר איינמאל...
געקומען אין פעלד איז א ווינט גאר א נייער,

פֿון נײַע, פֿון יענע, וואָס פּלוצים זײ קומען
פֿון אָנהויב גאָר־שטילע און קוים נאָך בּעמערקטע,
ווי פֿרעמדע אין פֿעלדער מיט חשד און מיט מײנען,
בּײַ זײַטען זיך האַלטען, געטרויען נישט קײנעם
דער ערד נישט, דער לופֿט נישט — בּעזונדער זיך האַלטען,
פֿערטראַכטען דאָ עפּיס און קוקען אַרום אַלײן
מיט אויגען, בּגנבה, און הינטען־אַרומער
און ציהען זיך ווײַטער — געזעהן שוין, וואָס דאַרפֿען,
און ציהען אַוועק זיך — שוין אָפּגעטון ווײַערם...
געקומען אין פֿעלד

איז אַ ווינט אַזאַ נײַער
פֿון נאַכט האָט, פֿון מיט און פֿון אויבען געבּלאָזען,
אַ קיהלער, אַ פֿרעמדער געקומען — געגאַנגען
און פֿאַר נאַכט און פֿאַר פֿעלד איז דאַן איבּערגעגאַנגען.

געצויגען האָט קיהל זיך און שטיל און פֿערזיכערט,
געצויגען האָט ווײַט, בּײַ אַ זײַט און פּאַמעליך,
אַ שטילער, בּגנבה, מיט אויגען אויף זײַטען,
אַ לאַנגער־בּעטראַכטער מיט אָפּשײַ פֿאַר זײַטען,
אַנ'אָפּגעשײדט־שטילער פֿון דר'ערד זיך געהאַלטען
און אַזוי זיך אין נאַכט זיך זײַן וועג זיך געגאַנגען...
פֿערגאַנגען איז אײן ווינט —

דעם פֿעלד איז אַ חדוש,
פֿערגאַנגען אַ צווײטער — עס וואונדערט דאָס פֿעלד זיך,
אַ דריטער געהט איבּער — דאָס פֿעלד שוין ווערט ערנסט
און ערנסט אַרום זיך הויבּט אָן שוין צו קוקען.

פֿער'חדוש'ט דאַן קעהרט זיך דאָס פֿעלד אין דער פֿינסטער
און רוהיג דערווײַל נאָך צו נאַכט און צו זײַטען
און פֿרעגעדיג קוקען, פֿערוואונדערט נעמט קוקען
צעמישט דאַן אויף זיך און אַרום דאָרט אויף ווײַטען.



און עס שטעלען זיך אויף דאַן פֿון שלאָף און זײ קוקען
דאָס ווײַטקײט, די מיט און די נאַכט פֿון די עקען
אַהינצו צו ווינט־צו און אײנס אויפ'ן צווײטען
זיך וואונדערען, פֿרעגען, זיך וואָרנען און שרעקען...

און אָט נאָך אַ ווינט,

נאָר שוין נײַער און קיהלער
אויך הינטען, אויך ווײַט, נאָר שוין ווײַטער פֿערנומען,
אויפ'ן אײגענעם וועג, נאָר געזיכערטער, בּרײטער
אין פֿעלד נאָך בּײַ דר'ערד, נאָר שוין מעהרער פֿערשפּרײטער,
אויך נײַער אין פֿעלד, נאָר אין וועג שוין פֿערזיכערט
אין וועג און אין זיך און אין יענע, וואָס הינטען
בּײַ הימעל־עק־ווײַט, וואָס זײ וואַרטען שוין גרײטע,
זיך לאָזען נאָך איהם אויפ'ן ערשטען נאָר צײכען,
זיך לאָזען אַהער, ווען נאָר ער דאָ וועט דורכגעהן,
וועט אויסזעהן אַרום און פֿאַר מעגליך געפֿונען
פֿון צווײטען פֿון עק און פֿון ווײַט זײ אַ רוף טון...

ווײַל אָנגערוקט ווײַט האָבּען ווינטען זיך הינטען,
העט־העט און אַרום אין אַ ראָד אויף די עקען
און שטיל דאָרט גענומען, זיך סוד'ען גענומען
פֿאַר פֿעלד און פֿאַר מיט זיך דאָרט סוד'ען און שרעקען.

זיך זאַמלען און קלויבּען נאָך הינטען, נאָך שטילע,
זיך ישוב'ען, עצה'ן, זיך וויקלען און דרעהען
און זוכען אַ וועג זיך, אַנ'אויסרײד אַ וועג זיך,
פֿון וואַנען אַרויסגעהן, דורך וואַנען פֿערגעהען.

צו זעהן און צו קלויבּען פֿון צווישען זיך אײנעם,
איהם ווײַזען און עצה'ן, איהם אָנזאָגען, גרײטען

אַרױסגעהן צום ערשטען, צום אַלעם צום ערשטען,
אױף פעלד און אױף מיט און אױף פלאַץ דאָרט אױף ברײטען...

און פלוצים...
אַרױס איז אַ װינט

פון צװישען די װינטען,
אַרױס איז אַלײן פון דער ראָד פון דער װײַטער,
פון גראָהקײט אַרום דאָרט, פון ערנסט פון גרױסען,
אַרױס איז מיט קאָפּ אױפ׳ן פעלד אױפ׳ן פרײַען...
אַ ריס האָט געטון זיך מיט אײנמאָל פאַר אַלעם
אױף גיך און אױף פעלד און מיט פעלד און אױף מיטען,
אַרױף איז אַהין און שױן גיך און שױן גיבער
מיט שטױב און מיט פעלד און מיט װינט און מיט װיבער,
אַװעק איז דאַן װײַט און דעם עק דאָרט פערריסען,
פערדרעהט און אַרױף, און זיך שטױביג פערװיקעלט —
ראָד־שטױב און ראָד־שטױב... און שױן אױבען, שױן העכער,
געקומען אַרױף און גענומען דאָרט װאױען,
זיך שרעקליך צו װאױען... און װאָלקען... און העכער...
אַ לאָז האָט געטון זיך

נאָך װינט דאַן דער שטורם
מיט פענט און מיט קולות פון הינטען פון אױבען,
מיט שטױב און געשרײַען אױף פעלד און דער לופטען,
מיט אימפּעט און ליאַרעם און װאָלקענס און גראָהע,
מיט שנעלקײט און גיכקײט געטריבען זײ אױבען,
געיאָגט זײ אין חשך, מיט אימפּעט געטריבען,
און אין זײ און מיט זײ און צװישען געקומען
פון אינטען געיאָגט זײ, פון פאַר זײ געפלױגען —
אױף הימעל, אױף הפקר אָהן זין און אָהן אױגען...
און װײַטער דאַן קולות

און קולות נאָך שטורם —



געלאָפען דאַן װאָלקענס אין הימעל־געיעגען,
אין חשך־געװיטער, אין גיכקײט געשװינדע,
דאַן אײנס אונטער צװײטען און איבער דעם צװײטען,
מיט װינט, איבער װינט, אונטער הימעל אין שטורם,
אױף לופט, איבער לופט, נאָר מיט אָטעם מיט אײנעם,
אָהן אָפּשטעל, אָהן אױפהער פון װײַטען געלאָפען
דערשראָקענע, פרעמדע אַהערצו אין חשך,
דערשראָקען אין פעלד און פאָראיבער אין גיבען,
פערלאָפען פערבײַ דאָ, קײן סימן געלאָזט דאָ,
אַלץ גיבער, געשװינדער קײן זכר דאָ פון זיך,
נאָר אײנע נאָך אײנע און װײַטער און גיבער
מיט װינט און מיט שטורם, מיט װינט און מיט װיבער —

VII

און דאַמאָלס...

— אױף אײנעם פון סטעפּעס
דעריאָגט האָט דעם בורא דער שטורם דאַן פלוצים
אין מיטען איהם געהען פערטראַכט איהם פון הינטען,
פערחאַפּט האָט אױף גיך איהם זײַן װעג און זײַן דעה,
זײַן טראַכט און זײַן װילען זיך װידער צו שטעלען —
אַרײַנגעחאַפּט באַלד איהם אין רעדעל — און װינטיש —
פאַר אָטעם דעם בורא... געטון דאַן אַ נעם איהם,
געטון האָט אַ חאַפּ איהם מיט אײנמאָל, און פלוצים...
געװען איז שױן בורא העט־העט דאָרט אין װיבער,
געפלױגען איז אױבען אױף פליגעל אױף װײַטע
און װײַט שױן געטראָגען אין לופט זיך מיט שטורם.

און װײַט איז דער שטורם מיט בורא געפלױגען
און הױך האָט אין װאָלקענס דעם בורא געטראָגען
אַלײן איהם און קלײן איהם, אַ שװאַכען, אױף פליגעל
אַראָפּ־צו, אַרונטער צו עקען פון הימלען

אין הויכע, אין ווייטע, מיט וואָלקענס אינאיינעם,
אַלץ ווייטער און העכער, מיט ווינטען אין מיטען,
אויף פעלדער און וועלדער — אין שטורם אַ פויגעל,
אויף בערג און אויף טאָלען — פערבלאָנדזשעט אַ פויגעל,
אַ חידה־נשמה אין ווינט זיך געטראָגען,
אַן־איינציגע בריאה — אין שטורם אין גרויסען...

אַזוי איז געפלויגען אין נאַכט מיט איהם איינעם,
מיט גרינגען, מיט שוואַכען דער ווינט מיט דעם בורא
אין שטורם, אין הימעל מיט פויגעל־דעב־בורא
אויף בערג איהם, אויף הפקר געטראָגען, —

ביז וואַנען —

אָהן דעת, אין חלשות געבראַכט דאַן צוטראָגען,
פערשמאַכט און פער׳חלש׳ט נאָך פליהען נאָך לאַנגען,
אָהן זין האָט זיין קערפער צום טויער צום גרויסען
און אַזוי איהם פערלאָזט דאַן

ביים איינציגען טויער...

VIII

דאַן לאַנג איז דער בורא ביים טויער געלעגען
אין שלאָף און אין אָהנמאַכט מיט קערפער אינגאַנצען,
אויף ערד און געוואָרפען אָהן ווייסען, אָהן זינען,
מיט הענט און אויף הפקר, אין חולשה פערטראָגען,
געלעגען פערלאָזען מיט קאָפּ ער צום טויער,
ביז געקומען אויף איהם איז אַ ווילען פון הימעל:

— ערוואַכט האָט דאַן בורא פאַמעליך פון ערדען,
ערוואַכט האָבען פלוצים און קאָפּ איהם די אויגען, —
אין דערוועהענדיג זיך און דעם טויער צוקאָפּענס
אין טרעפענדיג זיך און זיין קערפער דאָ ליגען,
אַ הויב האָט געטון זיך מיט איינמאָל דערשראָקען,



אַ שטיקל האָט געטון זיך און גלייך און אינגאַנצען
און שטעהן איז געבליבען אַזוי איז פאַר טויער...

און לאַנג האָט געקוקט דאַן דער בורא אויף טויער,
בעטראַכט האָט ער לאַנג און פערוואונדערט זיין רוהע,
און זעהענדיג זיך און אַרום און אַרום זיך,
זיין שטעהען און זיין קליין און זיין ערדישען עלענד,
זיין אָהנמאַכט, זיין וואוקס און די הענט זיינע קורצע
פאַר הויך און פאַר נאַכט און פאַר שלאָס פון שטיל־שוויינען,
פאַר איביגער נאַכט און איהר גלייכגילטיג־שוויינען,
געטון האָט אַ שפּאַן דאַן מיט איינמאָל ער דאַמאָלס,
געטון האָט אַ שפּאַן ער בעשלאָסען צום טויער,
אַ הויב האָט געטון ער אַ האַנט געגען טויער
און פלוצים —
אַ געוואַלטיגער טראַך האָט דערהערט זיך מיט כח,
אויף ווייטקייט אַ קול אין דער נאַכט און אויף מיילען,
אַ קול אין דער נאַכט און צום טויער פון בורא,
געטון האָט אַ קלאַפּ און געשריי דאַן דער בורא: —
— „עפען!"

IX

„...געגאַרט האָסט מיט טרוימען מיין לייב און מיין האָפען,
מיט גליק און הבטחות מיין לעבען און גלויבען,
מיט צוזאָג־געזאַנגען געפיהרט האָסט מיך יאָהרען,
מיט צוזאָג־געזאַנגען אויף ערדען און שטויבען.

געגאַרט מיט חלומות האָסט ליבע מיר שטענדיג,
געליעבט האָט מיין האַרץ דיך, מיין האַרץ מיט פערלאַנגען,
געוואָלט האָט מיין האַרץ דיך, געוואָלט דיך, געהאָפט דיך,
מיט אויגען פערמאַכטע נאָך דיר בין געגאַנגען.

געצויגען האָסט לאַנג מיך אויף וועג און אויף וועגען
מיט שנור און מיט ליבע צום כשוף אָהן אויגען,
פערוויגט האָסט דאָס האַרץ מיר, מיט טרוימען דאָס האַרץ מיר,
און ליעב דאַן גענאַרט מיך און ליעב מיך געצויגען...

און טריט מיר נאָך טריט מיר געגאַנגען איז שטן
אויף וועג נאָך מײַן לעבען, נאָך מיר האָט געצויגען,
איך פאַר איהם, איך פאַר איהם מיט אויגען פערמאַכטע,
ער הינטען, ער דאָרטען מיט אָפענע אויגען.

איך פריהער, פאַמעליך — מײַן גאַנג אין אמונה,
מײַן מח אין שטילען, אין גלויבען — געגאַנגען,
ער הינטען, ער דאָרטען מיט רעיון מיט זײַנעם,
מיט שטנ׳דיג זײַנעם, מיט זײַנע פערלאַנגען.

געוואַרט האָט מיך שטן, געהיט מיך, געוואַרט מיך
אויף שעה, אויף שלעכטער — די שעה זי זאָל קומען,
די שעה פון נסיונות, פון זײַנע נסיונות,
פון שטײַגער פון זײַנעם מיט פנים מיט פרומען.

גענעהנען צו מיר דאַן פלעג שטן פאַמעליך,
שוין אויסגלײַכען פלעג זיך מיט מיר דאַן דער שטן
און גלײַך און פאַמעליך פלעג אָנהויבען ערנסט
און אַזוי צו מיר זאָגען פלעג דאַמאָלס דער שטן:"

— צי ביזט האָטש פערזיכערט, אַז ס׳שלאָפט ניט דײַן מזל —
בײַנאַכט איצט אויף וועגען אויף ווײַטע און מיעד דיך,
בײַנאַכט אויף געלעגער, אויף הימעל־געלעגער
עס טראַכט דאָרט און וואַכט דאָרט און וואַכענדיג היט דיך?

צי זעהט דיך און פיהרט דיך צום גליק און צו גוטען —
אויף וועג דיך מיט ספקות האָטש פרובט דיך און פרובט דיך,



דײַן וועג אָבער זעהט דאָך, פאַר דיר איצט ער בעט דאָך
בײַנאַכט דאָרט און וואַכט דאָרט און רופט דיך און רופט דיך?

צי גאַרט דיך און ליעבט דיך, נאָר, ליעבענדיג, פרובט דיך
מיט ספקות, נסיונות, נסיונות מיט שווערע,
ווײַל שטיל אין זיך גלויבט זיך, פערזיכערט דאָרט גלויבט זיך:
מיט גאָט ער וועט בײַשטעהן, וועט בײַשטעהן די שווערע?

צי אפשר גאָר שלאָפט דאָרט דײַן מזל איצט ערגיץ
בײַנאַכט און פון ווײַטען, אין ווײַטען פערטראָגען,
דײַן וואַנדערען זעהט ניט, דײַן תפלה דערגעהט ניט
בײַנאַכט גאָר און שלאָפט גאָר און ווײסט ניט צו זאָגען?

און ווײַט אין עק הימעל, פערטון דאָרט אין דרימעל,
עס רוהט איצט דײַן מזל, עס שלאָפט דאָרט פערטראָגען,
דײַן אומגעהן דאָ הערט ניט, דײַן ליעבע בעגעהרט ניט,
און ליעבט ניט און פרובט ניט און ווײסט ניט צו זאָגען?

און קיינער אין נאַכט ניט, און קיינער איצט וואַכט ניט,
קיין אויג, קיין השגחה אויף וועלט און אויף וועגען,
אויך גאָט איצט אין הימעל, אויך ער דאָרט אין הימעל
פערגעסען די וועלט האָט, פערטון איז אין דרימעל?...

„אַזוי פלעג מיך פרעגען דער שטן און שטעלען
בײַנאַכט מיך אויף וועגען אין מיטען און פרובען
און ווײַטער מיר נאָכגעהן און שווײַגענדיג נאָכגעהן
און וואַרטען און קוקען און קוקענדיג פרובען...

שוין אָפּשטעלען פלעג זיך אין געהן דאַן אין מיטען,
אַוועקשטעלען פלעג זיך אין נאַכט און אויף וועגען
און שטיל אויף איהם קוקען, אין אויגען איהם קוקען,
און לאַנג איהם בעטראַכטען בײַ אויגען אַנטקעגען.

און גלײַך פלעג איהם קוקען אין אויגען מיט אויגען
אין שטילקײט, אין שווײַגען דאַן פנים צו פנים,
זײַן קוקען און שווײַגען, זײַן ערנסט אין שווײַגען,
זײַן ערנסט אין אויגען, זײַן תמימות אין פנים...

און אַזוי פלעג איך זאָגען דעם שטן בײַ אויגען:
אַי, שטן, אַי שטן, אַי וויה צו דיר שטן,
וואָס פרעגסט נאָר, וואָס פרובסט נאָר,
וואָס רוהסטו נישט שטן?

עס רוהט דאָך, עס שלאָפט דאָך אין נאַכט איצט, בײַנאַכט איצט
אָהן טיר און אָהן טויער אַלץ רוהיג אין נאַכט,
אַ וועלט און אין דרויסען, אין נאַכטישע שויסען,
ווײַל עמיצער וואַכט...

ווי קינדער בײַ מאַמען, אין שויסען פון אַמען,
איצט רוהען אין וועלט־שויס די וועלט מיט גורלות,
זײ רוהען און גלויבען: די שטערען פון אויבען,
דאָס וואַכען מזלות...

און זיבער אין נאַכט זיך, ווײַל שומר, ער וואַכט זיך,
נאָר אויג און נאָר שומר — קײן קול און קײן וואָרט,
קײן זאַמדעל פערזעהט נישט, קײן ווינטעל פערוועהט נישט,
נאָר אַלעס אויף אָרט...

און אַלעס אויף אויג איז, אין נאַכט און אויף אויג איז,
נאָר אויג און נאָר שומר — קײן ווינטעל, קײן וועה, —
עס רוהען גורלות, עס וואַכען מזלות,
ווײַל גאָט איבער זײ...

אַזוי פלעג איך זאָגען דעם שטן אויף וועגען,
אויף ווײַטע, אויף יענע, אין יענע בײַנאַכטען,



און לאַנג נאָך דאַן קוקען, אין אויגען איהם קוקען,
איהם פנים צו פנים, איהם ערנסט בעטראַכטען.

און שטיל זיך געלאָזט זיך, דאַן ווײַטער געלאָזט זיך,
און ווײַטער געגאַנגען, מיט שטן געגאַנגען,
אַזוי זיך אין נאַכט זיך און יעדער פערטראַכט זיך
און יעדער מיט זײַנע, מיט שטילע פערלאַנגען...

* *
*

איצט שטעה איך פאַר דיר דאָ, דער אײַביגער עני,
געקומען פון יאָהרען, פון וועלט און פון עקען,
געקומען פון אויסזעהן, פון גאָר־דער וועלט אויסזעהן —
דער אביון, דער מלך, פון וועלט און פון שטעקען.

איצט שטעה איך פאַר דיר דאָ, דער וואַנדערער מלך,
געגאַנגען איז מלך אויף וועלט איבער גיטער,
געקומען מיט טאָרבע, מיט הוילער נאָר טאָרבע —
דער מלך, דער אביון, פאַר טויער דאָ קניעט ער.

איך ליעג דאָ און בעט דאָ פאַר נאַכט און פאַר טויער
מיט תפלה און טאָרבע, מיט לעצטעם פערמעגען,
מיט לײַב און מיט שטעקען, מיט שטויביגען שטעקען,
מיט חבר מיט אַלטען פון וועלט און פון וועגען...

איך קניע דאָ, געפאַלען מיט גוף און געבעטען,
אָהנמעכטיגע, לעצטע, אָהן כח, אָהן טרערען,
מיט גוף נאָר און לעבען, מיט לעצטען אין לעבען —
דו מזל, מײַן מזל, דו מוזט מיך דערהערען.

און וואָס ס'זאָל נישט זײַן דאָרט
און וואָס ס'זאָל געשעהן דאָרט

בײַ דיר און דײַן טויער מיך וואָס ס'זאָל נישט טרעפֿן, —
דאָס אַלעס איצט נעם איך,
אויף זיך אַלעס נעם איך —
אוי מזל, מײַן מזל, מיר עפּען, נאָר עפּען...

* *

*

נאָר האָסטו גענאַרט מיר מײַן לײַב און מײַן לעבן,
מײַן הײליגען וועג און מײַן געטליכעס שטרעבן,
מײַן הײליגען טרוים און מײַן גאַנג און מײַן גלויבען,
דעם ווילען, דעם מײַן — מײַנע כּשר'ע טויבען,
מײַן אומשולד אין געהן און מײַן ציהען זיך, ציהען
צו דיר אין דײַן נאַכט — און מײַן וואָגלען און מיהען, —
גענאַרט אין געלאַכט און קאַטאָוועס געטריבען,
פֿון מיר און מײַן געהן זיך גאָר נחת געקליבען,
מײַן קאָפּ און מײַן ציעל גאָר מיט שפּאָט מיר בעגאָסען:
דײַן טיר און דײַן טויער בלײַבט אײביג פֿערשלאָסען;

— און האָסטו גענאַרט מיר מײַן וועלט און מײַן האָפֿען,
מײַן שטענדיג-בעגעהר און מײַן גלוסטען צו שאַפֿען,
מײַן אײביג-בעגעהר און די ליעבע מײַן גרויסע,
מײַן אָטעם פֿערהאַפֿט מיר פֿון בלוטען פֿון הײסע,
מײַן אָטעם פֿערהאַפֿט גאָר מײַן לײַב און מײַן לעבען
פֿאַר פּחד פֿון גאָט און פֿון ציטערען, שטרעבען,
פֿון הײליגער פֿרײד און פֿון פֿאָרכט און פֿון מורא,
פֿאַר פּחד פֿון גאָט און פֿאַר נ אָ מ ע ן נ אָ ר בּורא, —
גענאַרט און געשפּאָסט און קאַטאָוועס געטריבען,
פֿון מיר און מײַן געהן זיך גאָר נחת געקליבען,
מײַן ציעל און מײַן וועג גאָר מיט שפּאָט מיר בעגאָסען:
דײַן טיר און דײַן טויער בלײַבט אײביג פֿערשלאָסען;



— אַזוי, אויב גענאַרט האָסט אין נאַכט מיך אין לעבען,
מײַן הײליגען צער און מײַן געהן און מײַן שטרעבען, —
וועל אויפֿשטעהן אַצינד פֿון פֿאַר טויער און קניען,
פֿון ערד און הכנעה און הײליגען מיהען,
פֿון ערד און פֿון ערדען און יאָהרענלאַנג שטויבען,
פֿון בּורא'שען געהן און פֿון בּורא'שען גלויבען;

— וועל אויפֿשטעהן אַצינד און אַ קול וועל איך הויבען
אויף שטילקײט פֿון נאַכט און אויף וועלטליכען שווײַגען,
אויף אײביגער נעסט און אויף בוים און אויף צווײַגען —
פֿון אײביגער נעסט, וואָס דער טרוים איז פֿערטריבען
און עלענד די נעסט, וואָס איז לײדיג געבליבען;
אויף אור-אַלטען בוים, אויפֿ'ן עקר אויף אַלטען,
אויף זקן אויף בוים און מיט וואָרצעל שוין קאַלטען,
שוין אַלט איז דער בוים און נאָר שאָטענס דאָרט נעסטען,
קײן טרוים שוין פֿון טאָג און פֿון מאָרגען איהם טרײסטען,
און קאַלט איז דער בוים, און די נעבט איהם נאָר נאָגען,
די צווײַגען שוין דאַר און די ווינטען דאָרט קלאָגען;

— וועל אויפֿשטעהן אַצינד און אַ קול וועל איך הויבען
אויף רוה פֿון דער וועלט, אויף איהר שלאָף און איהר גלויבען,
אויף שטול פֿון דער וועלט און אויף דין און אויף דין,
וועל הויבען מײַן קול און וועל שרײַען און שרײַען
אויף שטילקײט אַצינד און אויף רוה פֿון די צײַטען,
אויף ערד דאָ אין ראָד און אויף וועלט דאָרט פֿון ווײַטען,
אויף שטילקײט פֿון נאַכט און אויף שווײַגען פֿון טויער,
אויף הימעל אין שלאָף און דער ווײַטקײט אין אויער,
אויף מזל, אויף שטול, וואָס האָט ווײַט זיך פֿערקליבען
אין נאַכט דאָ אַרום, וואָס אָהן שומר געבליבען,
די נאַכט דאָ אַרום און אין נאַכט אַלע וועלטען,
וועל שרײַען און ווײנען און ווײנען און שעלטען...

און אַזוי וועל איך שעלטען און שרײַען און זאָגען: —
פערשאָלטען זאָל ווערען די טראַכט, וואָס געטראָגען
צום אַלעם צום ערשטען פון גאָט האָט די זאָמען,
פון גאָט און פון וועלט און פון ליבע דעם נאָמען,
פון טאַטע, פון קינד און פון מיטער-אַחריות,
פון הייליג-געביר און פון לעבען פון נײַעס,
פון ליבע און וויג און פון מאַמעס און קינדער,
פון הייליגע פּאָר און פון גלוסטען און וואונדער,
פון לעבען און לײַב און פון לעבען און וויעגען,
פון צאַפּעל און ציטער און גאָט'ס פערגעניגען —
פערשאָלטען זאָל ווערען די טראַכט, וואָס געטראָגען
דאָס אַלעם צום ערשטען! —

און ווײַטער וועל קלאָגען

אין נאַכט דאַן און אומגעהן און וויינען און שרײַען: —
אָהן הילף איז די וועלט דאָך, אָהן זין און אָהן רעיון,
פערוויסט איז וועלט שוין אָהן האָר און אָהן זינען,
קיין קינד וועט שוין האָבען, קיין בורא געווינען,
קיין „צײַט" און קיין ליבע, פון „האָבען" געדאַנקען —
די בלאַסע נאָר שטערען אין הימעל איהר צאַנקען,
דער ווילען, די צײַטען, די יוגענד פערגאַנגען,
די יונגע, די ליבע, די ליבע פערלאַנגען,
די בלוטען, די הייסע, די יונגע פערגאָסען,
דער סוד פון דער ליבע פאַר וועלט שוין פערשלאָסען,
און ווײַט זיך אין שלאָס זיך האָט וועלט זיך פערקליבען,
דער שליסעל פון טיר איז בײַ מזל געבליבען —
אָהן שליסעל דער שלאָס און די וועלט איז פערוויסען,
דער שם, אוי, פון ליבע אויף וועלט איז פערגעסען...

און ווען וועל איך אומגעהן,

און ווען וועל איך שרײַען:



די וועלט איז פערפאַלען אָהן שם און אָהן רעיון,
אויף אייביג פערפאַלען — דער שם, אוי, ווער הייסט איהם,
ווער גאָט איז, וואו איז ער, וויער איז ער, ווער ווייסט איהם...
זאָל זאָגען די נאַכט מיר, אוי, זאָגען די שטערען:
נאָך שם פון דער ליבע וואו דאַרף מען זיך קערען!
נאָך איהם און נאָך ליבע — איהר מיט פון בײַנאַכטען,
צי ווייסט מען פון איהם האָטש אין הימעל פערמאַכטען?
צי ווייסט מען האָטש דאָרטען אין נאַכט און אין שטומען
דעם סוד פון דעם מזל, ווען מזל וועט קומען,
דעם סוד פון זײַן קומען פון נאַכט און פון ווײַטען,
דעם גאָט פון קדמונים, דעם קץ פון די צײַטען...
זאָל זאָגען די נאַכט מיר,

די נאַכט מיט די שטערען:

די נאַכט און די ליבע צו וועמען געהערען?
פאַרוואָס איז די ליבע פערלאָזט און פערשאָלטען?
פאַרוואָס האָט דאָס מזל פון וועלט זיך בעהאַלטען?
פאַרוואָס און וואו איז ער, וואו איז ער, וואו רוהט ער —
דער גאָט פון דער ליבע, אָהן ליבע וואָס טוט ער?
דער גאָט פון דער ליבע —, איהר מיט פון בײַנאַכטען,
צי קענט איהר נישט פרעגען בײַ הימעל פערמאַכטען:
אוי, הימעל, אוי, הימעל, אוי הימעל און שטערען,
די וועלט נאָך געליבטען וואוהין זאָל זיך קערען?

X

אַזוי איז געליגען דאַן בורא בײַם טויער
מיט לײַב און אויף ערדען הכנעה'ש אין תפלה,
און שטיל זיך געבעטען בײַ מזל געבעטען,
בײַ טויערן הויבע, פאַר הויבע און שטילע.

און שטיל זיך געבעטן און אָרים געבעטן,
אָהן כּח־תּחנונים אין זאָרג און אין טרויער,
און שטיל איז געליגן און אָרים געליגן
אויף ערד און צופּיסנס בײַ אײַביגען טויער.

און לאַנג איז דאַן בורא פערלאָזען געליגען
אין תּפלה, אין שטויבען, פערשמאַכט און פערלאָרען,
ביז שטיל איז אָהן כּח, אין אָהנמאַכט, אָהן כּח
פערגאַנגען, פערגאַנגען, פער'חלש'ט געוואָרען...

— — — — — — — — — — — — —

ערשט דאַמאָלס...
און שטיל האָט אין נאַכט דאַן בײַ ערד דאָרט פון ווײַטען,
אין הימעל, אין ווײַטקײַט בײַ אײַנע פון זײַטען —
גענומען האָט שטיל דאָרט שאַריען, שאַריען
אויף טאָג און מיט ליכטיגס, מיט מאָרגען צו בליהען,
מיט גראָהען, מיט בלאַסען, מיט מאָרגענדיג'ס נײַעם
אויף ערד און אויף ראָד און אויף פעלד אויפ'ן פרײַען,
אויף הימעל, אויף גראָז און אויף פעלד אויפ'ן גרויסען,
אויף הימעל אַרום און אויף פריה און אויף דרויסען;
גענומען אין הימעל האָט אויפגעהן און שפּילען
דער טאָג מיט דער ליכט און מיט מאָרגען מיט קיהלען,
מיט אויפגעהן פאַרטאָג און מיט אויפגעהן מיט רײַכען,
אויף ברונען אין פעלד און אויף ברעגען בײַ טײַכען,
אויף קוואַלען אין גראָז און אויף פעלדער אין דרימעל,
אויף בײמער אין וואַלד און אויף שלאָף נאָך אין הימעל,
אויף געגענד, אויף ערד און אויף הימעל אויף וואַסער,
אויף ווײַטקײַט אַרום און אויף ווײַטקײַט אויף בלאַסער, —
גענומען אין הימעל האָט שפּילען און שפּילען
פריה־מאָרגען מיט זון און מיט הימעל מיט קיהלען,
דער מזרח מיט זון און מיט וואָלקענס מיט ווײַסע,



אויף הימלען נאָך פריהע, אויף הימלען נאָך בלאַסע,
מיט וואָלקענדלעך־פוך און מיט ברעגען מיט שפּיצען,
מיט שטראַהלעכלעך־הײם, וואָס מיט הײסקײַט זײ שפּריצען,
מיט שטראַהלעכלעך־בלוט און מיט שטראַהלעכלעך־פײַער,
מיט זון שוין אַרויס און מיט זון שוין אַ נײַער...
אַרויס איז די זון —

און אַ שטראַהל איז פערלאָפען,
דעם בורא פער'חלש'ט דאַן ליגען געטראָפען,
פערשמאַכט און פער'חלש'ט נאָך ליגען בײַם טויער,
מיט קערפּער אין אָהנמאַכט, דאָס פּנים אין טרויער,
מיט שלאָף אויף די שלײפען, מיט זאָרג אויף זײַן שטערען,
אויף פּנים נאָך מידקײַט, נאָך מידקײַט פון טרערען, —
געפאַלען איז שטראַהל דאַן

אויף קאָפּ, אויף זײַן שטעקען,
גענומען האָט בורא פון ערד דעמאָלט וועקען: —
העי, בורא, העי, בורא —

דער טאָג איז געקומען,
דײַן צער און דײַן לײד און דײַן תּפלה פערנומען,
דײַן ציעל איז דערגרײכט... און דער טויער איז האָפען,
ערוואַך־זשע, ערוואַך־זשע צום טאָג און צום שאַפען,
ערוואַך שוין פון נאַכט און פון ערד און פון זאָרגען
שטעה אויף, שטעה שוין אויף צו דעם ליעד פון פריה־מאָרגען..



REST PJ 5129 A4 K27 G49

## אינהאַלט:

| | |
|---|---|
| מיר — — — — | 5 |
| אין יענער נאַכט — — — | 13 |
| אויף די טירען — — — | 22 |
| פון שיר־השירים — — — | 26 |
| נע ונד — — — — | 31 |

קולטור־ליגע
קיעוו

### „דער אידישער אלמאנאך" ערשטעס בוך.

אינהאַלט: ע. ליפּאָוועצקי: בײם טײך. יהודה קאַרני: הײליג געשטאַלט... ד. טשאַרני: אַ האָגל. אי. טורגענעוו (איבערזעצונג פון ע. קאָרמאַן): „ווי פריש, ווי שעהן זײנען די רויזען געווען"... ד. בערגעלסאָן: דער טויבער. דער נסתר: פריהלינג. ד. בערגעלסאָן: צוויי וועגען. פר. ניטשע: אַזוי האָט געזאָגט זאַראַטוסטראַ. שאַרל באָדלער (איבערזעצונג פון ע. קאָרמאַן): קלײנע פּאָעמען. ש. גאָרעליק: קונסט און נאַציאָנאַלע אויפלעבונג. נ. מײזיל: בעמערקונגען פון אַ לעזער. ש. גאָרעליק: אָסקאַר אוײַלד. ש. גאָרעליק: אַנאַטאָל פראַנס.
פּרייז 60 קאָפּ.

### „פון צייט צו צייט" ערשטע זאַמלונג.

אינהאַלט: בן־אדיר: שוין צײט. נ. מײזיל: געריכטע אונצופרידענהײט. מ. ליטוואַקאָוו: שמות. ד. בערגעלסאָן: וואָכיגע בורגעס.
פּרייז 20 קאָפּ.

### „פון צייט צו צייט" צווייטעס זאַמעלבוך.

אינהאַלט: ז. י. אנכי: ווינטער. דוד אײנהאָרן: צווישען צוויי גאַסען. פּרץ הירשבײן: רער רויזענקראַנץ. דוד בערגעלסאָן: די בת־מלכה „אמת". בן־אַדיר: וואָס איז אַזוינס געשעהן? ש. ניגער: אַ קאָנגרעס אָדער קאָנגרעסען. נ. מײזיל: דער אידישער אינטעליגענט בײ י. ה. ברענער.
פּרייז 60 קאָפּ.

### „געזאַנג און געבעט". פּאָעמען און לידער פון דעם נסתר.

פּראַכט אױסגאַבע.
פּרייז 40 קאָפּ.

### „אין יענע טעג". מעשה'לעך פון ישראל ראַבינאָוויטש.

פּראַכט אױסגאַבע.
פּרייז 30 קאָפּ.

### „אונזער געשיכטע" 1־טעס העפט פון יעקב מאַירזאָהן.

אין ערצעהלונגען און לעבענס־בעשרײבונגען.
פּרייז 25 קאָפּ.